YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv07i12

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 7 Issue 12
March 1925

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 7, Iss. 12)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/373

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII· No. 12. | New York, Friday, March 20, 1925. | פרייטאג, 20טען מארטש, 1925. | PRICE 3 CENTS

דרעסמאכער פון יוניאן שעפער צוריק ביי דער ארבייט

סטאפעדזש אין דרעס טרייד האט זיך געענדיגט מאנטאג אין דער פריה.

דער סכסוך אין דער אינדוסטריע, וואס האט פאראורזאכט א סטאפעדזש, איז געסעטעלט געווארען לעצטען שבת ביי טאג, אויף א קאנפערענץ צווישען פאר־שטעהער פון דער יוניאן און פון די בעלי־בתים און מאנטאג פארמיטאג האט מען ווידער אנגעפאנגען ארבייטען אין די יוניאן שעפער.

מאנטאג אין דער פריה איז אין וועב־סטער האל אפגעהאלטען געווארען א מי־טינג פון די שאפ טשערלייט, און וויים־פרעזידענט פיינבערג, וויים־פרעזידענט ה. וואנדער און י. האראוויטש האבען ער־קלערט פאר זיי דעם סעטעלמענט. און ערשט נאכדעם זיינען זיי אוועק אין די שעפער און געהייסען די ארבייטער זיך נעמען צו דער ארבייט. די דרעסמאכער זיינען נאך אלץ געזעסען אין שאפ, אבער מען האט ניט געארבייט, — מען האט געווארט אויף דעם באפעהל פון דער יו־ניאן, ענטוועדער אנצופאנגען ארבייטען אדער פארלאזען די שעפער און זיך פאר־בלייבען אין סטרייק האלס. אבער דער באפעהל איז געקומען דורך די טשער־לייט אנצופאנגען ארבייטען און די מאשי־נען האבען זיך ווידער גענומען דרעהען. דער סטאפעדזש האט אנגע־האלטען א קנאפע וואך. עס האט זיך אנגעפאנגען דינסטאג אין דער פריה, דעם 10טען מערץ און האט זיך גענע־דיגט מאנטאג אין דער פריה, דעם 15טען מערץ.

דער רעזולטאט פון דעם סטאפעדזש איז, דאס עס איז אריינגעבראכט גע־ווארע אין דער דרעס אינדוסטריע מעהר קלארקייט אין באצוג צו סקעדזשולס, פרייזען און די אגרימענטס אין טרייד וועלען ארבייטען בעסער ווי פריהער. ביי דעם סעטלמענט איז פארשטאנען

(שלוס אויף זייט 16)

טאראנטא קלאוק מארקעט שטעלט אן אומפארטייאישען טשערמאן

א דזשאדזש פארשיקט א סטרייקע־רין אויף פינף טעג אין דזשייל.

פון טאראנטא, קאנעדע, האבען מיר באקומען צוויי וויכטיגע נייעסען: ערש־טענס, די יוניאן און די קלאוק מאנופעק־טשורערס אסס'ן האבען זיך געאייניגט אויף דעם אומפארטייאישען טשערמאן פאר יענעם קלאוק מארקעט. פאר דעם אמט איז באשטימט געווארען פראפעסאר י. וו. מאקמילאן, דער טשערמאן פון דעם מינימום וויידזש באארד פון דער אנטאריער פראווינץ. לאמיר האפען, דאס עס וועט זיך ארויסווייזען, אז ער וועט זיין דער ריכטיגער מאן אויפ'ן ריכטיגען פלאץ.

די צווייטע נייעס איז, דאס א גע־וויסער דזשאדזש קאוטסווארטה האט פארשיקט אין דזשייל א סטרייקערין פאר פינף טאג, דערפאר וואס זי האט גערופען סקעבס געוויסע סטרייק־ברעכער. די פארשיקטע איז שוועסטער עליזאבעטה סטאק.

דער לאיער פון דער יוניאן האט פארלאנגט דער דזשאדזש זאל אומבייטען דעם אורטייל פאר א געלד־שטראף, אדער ער זאל לאזען אפעלירען די קייס, און די סטרייקערין זאל דערווייל ארויסגע־לאזט ווערען אויף בייל, אבער דער דא־זיגער דזשאדזש האט מיט כעס עס צו־ריקגעוויזען, ערקלערענדיג, דאס ער „מוז געבען די סטרייקער א לעסאן".

דאס וועט, נאטירליך, ניט אפשרעקען דאס ביסעל סטרייקער, וואס זיינען נאך דארט געבליבען, און זיי וועלען פארט־זעצען דעם קאמף ווי לאנג דאס וועט זיין נויטיג.

דזשאינט באארד ערוועהלט א טשערמאן און ערשטען וויים־טשערמאן

א רייהע רעקאמענדאציעס פון גענעראל מענעדזשער י. פיינבערג אנגענומען.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן לעצ־טען פרייטאג אווענט איז געווען זעהר א לעבעדיגער. עס איז געווען אויפ'ן טאג־עס־ארדנונג איינינע גאנץ וויכטיגע פראגען, און דאס האט צוגעגעבען דעם מיטינג א באזונדער אינטערעס און וויכ־טיגקייט.

ערשטענס, האט געדארפט ערוועהלט ווערען א טשערמאן, און דאס איז דער העכסטער עהרען־אמט אין דער קער־פערשאפט.

דער טשערמאן פון דעם באארד איז פריהער געווען ברודער נאכלין, פון לא־קאל 2. ברודער נאכלין איז אבער מעהר ניט קיין דזשאינט באארד דעלעגאט.

לעצטען פרייטאג זיינען געמאכט גע־ווארען וואהלען פאר א טשערמאן, און ברודער אנסעל, פון לאקאל 10, דער פריי־הערדיגער ערשטער וויים־טשערמאן, איז ערוועהלט געווארען צו דעם אמט.

מען האט דאן געדארפט מאכען וואה־לען פאר אן ערשטען וויים־טשערמאן, און ברודער ווייסמאן פון לאקאל 35, דער פריהערדיגער „אינער־וואכע", איז ער־וועהלט געווארען.

אלס „אינערוואכע" איז דאן ער־וועהלט געווארען ברודער וויינשטיין, פון לאקאל 23.

ברודער י. פיינבערג, דער גענעראל מענעדזשער פון דער קערפערשאפט, האט פארגעבראכט א גאנצע רייהע רעקאמענ־דאציעס אין באצוג די איינשטעלונג פון

(שלוס אויף זייט 16)

אונטערהאלטונג פון סטודענטען און לעהרער שבת אווענט, דעם 28טען מארטש

עס איז פארבליבען נאך איין וואך צו דער אונטערהאלטונג פון די סטודענ־טען און לעהרער פון די אינטערנעשא־נאל יוניטי סענטערס און פון ארבייטער אוניווערזיטעט. די אונטערהאלטונג איז פאר די געוועזענע סטודענטען אזוי גוט ווי פאר די איצטיגע. דאס וועט פאר־קומען אין דער דיינינג רום פון די וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טען סטריט, איבעראכטאג שבת, דעם 28טען מארטש.

א חוץ די סטודענטען און די לעה־רער מיט זייערע פריינט, וועלען ביי דער געלעגענהייט זיך אויך צונויפקו־מען די אקטיווע מעמבערס פון אונזערע לאקאל יוניאנס, די בעאמטע פון דער יוניאן און אלע פריינד פון דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט אין אונזער יו־ניאן.

די ארגאנזשמענטס קאמיטע האט באזארגט געשמאקע רעפרעשמענטס, און האט אויך פארבערייטעט אן אינטערע־סאנטען מוזיקאלישען פראגראם. בא־וואוסטע ארטיסטען וועלען זיך באטיי־ליגען. דער אווענט וועט זיך פארענדי־גען מיט טאנצען.

די אונטערהאלטונג ווערט ארא־נזשירט פון דעם סטודענטען־קאנסיל און קיין שום מיה ווערט ניט געשפארט צו מאכען דעם אווענט אזוי אינטערע־סאנט און אנגענעהם ווי נאר מעגליך.

צו דעקען כאטש א קליינעם טייל פון די אויסגאבען, ווערט גערעכענט 35 סענט פאר א טיקעט, צו באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

צו די סטודענטען זיינען אויסגע־שיקט געווארען טיקעטס דורך די פאסט, צוויי טיקעטס צו יעדען, און זיי זיינען געבעטען צו באצאהלען פאר זיי בעפאר מיטוואך, דעם 25טען מארטש, פערזענ־ליך אדער דורך די פאסט. און די וואס ווילען נאך טיקעטס דארפען זיך גלייך מעלדען. דאס וועט פיל מיטהעלפען, אז אלץ זאל זיין ווי עס באדארף צו זיין.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 12.

זייט 2. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — יוסף פיש.
זייט 3. מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 22 — דזשוליוס פארטנאי. אויפ'ן מיטינג פון די געווערקשאפטען — מ. פיינסטאן.
זייט 4. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. מרדכי ספעקטאר געשטארבען.
זייט 5. אן אפענער בריף פון ר. אבראמא־וויטש. פארשיידענעס.
זייט 6. פערלשטיינ'ס באריכט צו די מעמבערס פון לאקאל 2.
זייט 7. פייער! (ערצעהלונג) — ל. רודאלף.
זייט 8. עדיטאריעלע נאטיצען.
זייט 9. וואס פאר א סארט מענש איז נאפאלעאן געווען? — בענדזשאמין שטאלבערג.
זייט 10. דער קאמף געגען פריוואט ארבייט — דר. הערמאן פראנק. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. אומפאראנטווארטליכקייט אין ערנסטען זין — ל. פינקעלשטיין. אלץ פארגעסען — י. ארקער.
זייט 12. א רעכט וואס דארף זיין א פליכט — ב. מיכאלעוויטש. פארקויפט זיין פלייש אין גוערין — דער לעבעדיגער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. פארשיידענעס און אדווערטייזמענטס.
זייט 15. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1.

פילאדעלפיער דרעס און וויסטמאכער יוניאן געשטארקט און געקרעפטיגט

סעקרעטאר באראף אדרעסירט א גרויסען דזשענעראל־מעמבער מיטינג פון לאקאל 50. — וויים־פרעזידענט רייזבערג גיט אפ אן אינטערעסאנטען באריכט פון דער יוניאנ'ס טעטיגקייט אין דער לעצטער צייט. — די יוניאן גרייט זיך צו פייערען א 10־יאהריגען יובילעאום.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", ווערט אנגעפירט אין פילאדעלפיא אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צווישען די וויסט און דרעס־מאכער. דער קאמפיין ווערט אנגעפירט אויף א רוהיגען און געלאסענעם אופן, אונטער דער פירערשאפט פונ'ם וויים־פרעזידענט, ה. רייזבערג, און אין דער לעצטער צייט איז די יוניאן געשטארקט און געקרעפטיגט געווארען.

לעצטען דאנערשטאג אווענד האט די יוניאן אפגעהאלטען א דזשענעראל מעמ־בער־מיטינג, און סעקרעטאר באראף איז ארויסגערופען געווארען צו אדרעסירען די פארזאמלונג. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט, און סעקרעטאר באראף האט גע־בראכט א גוטען גרוס זוגען דעם צו־שטאנד פון דער יוניאן אין אלגעמיין.

דער קאמפיין ווערט אנגעפירט צו אר־גאניזירען דעם גאנצען וויסט און דרעס־מאכער טרייד, און די יוניאן האט אין די לעצטע פינף מאנאטען געמאכט א באדיי־טענדען פראגרעס.

וויים־פרעזידענט רייזבערג האט בא־ריכטעט, דאס די גרויסע פריוויליגע אר־גאניזאציאנס־קאמיטע, וואס דער לאקאל האט געשאפען, ארבייט גאנץ פלייסיג און האט א סך אויפגעטאן. ארום 25 ניט־יוניאן שעפער זיינען ארגאניזירט געווא־רען, און די יוניאן האט צוגעקראגען א פאר הונדערט נייע מיטגלידער. די קאנ־טראלירענדע ווירקונג פון דער יוניאן אין דער אינדוסטריע האט זיך פיל געשטארקט און עס פילט זיך, דאס עס וועט ניט גע־מען לאנג, און די גאנצע דרעס־אינדו־סטריע פון פילאדעלפיא וועט זיין פול־שטענדיג יוניאניזירט.

וויים־פרעזידענט רייזבערג האט פאר־געלייגט פאר דעם מיטינג די פאליסי פון דער יוניאן, ווי אזוי די ארגאניזאציאנס־ארבייט זאל ווייטער אנגעפירט ווערען. דער פלאן איז, דאס די יוניאן זאל ווייטער טאן אלץ, וואס איז מעגליך, דעם טרייד

(שלוס אויף זייט 5)

וואהל פאר סעקרעטער־מענעדזשער פון לאקאל 2 — דעם שבת

וויים־פרעזידענט פערלשטיין ווערט באדאנקט פאר זיין ארבייט אין דעם לאקאל אלס צייטווייליגער מענעדזשער.

היינטיגען שבת, דעם 21טען מערץ, וועט פארקומען וואהל פאר סעקרעטער־מענעדזשער פון די קלאוק און ריפער אפרייטארס יוניאן, לאקאל 2.

אויפ'ן באלאט איז דא בלויז איין קאנדידאט, דזש. בארוכאוויטש, דער איצ־טיגער טשערמאן פון דעם לאקאל. די וועהלער וועלען דאריבער קאנען שטימען „דאפיר און דאגעגען", ווי דאס ווערט גע־זאגט אין דער אנאנסע פון דעם לאקאל, אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג.

שטימען וועט מען אין דריי פולינג פלעצער, ווי פאלגט:

אין ברייאנט האל, 725 6טע עוועניו.

אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סט.

אין ברוקלין לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט., בראנזוויל.

מען וועט קאנען שטימען פון 10 אזייגער אין דערפריה ביז 6 פארנאכט. שטימען וועלען קאנען נור די מעמבערס פון דעם לאקאל, וואס האבען ברוינע און בלויע מעמבערשיפ קארדס, דאס מיינט,

(שלוס אויף זייט 16)

גענעראל סטרייק ביי ווהייט גודס און טשילדרענס דרעסעס פארענדיגט

די קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס אסס'ן סעטעלט מיט דער יוניאן. — לאקאל 62 געווינט א פולשטענדיגען יוניאן שאפ און געזיכערטע פאר־בעסערונגען אין די ארבייטס־באדינגונגען. — 90 פראצענט פון די טשילדרענס דרעסעס סטרייקער שוין צוריק ביי דער ארבייט אין געסע־טעלטע שעפער. — איניגע שעפער פון ביידע פאכען זיינען נאך אין סטרייק.

ווען מיר זיינען געגאנגען צום דרוק מיט דער „גערעכטיגקייט" פון לעצטער וואך, פארגאנגענעם מיטוואך, איז די ווהייט גודס וואָרקערס יוניאָן לאקאל 62 נאך געווען אין קאנפערענץ מיט דער „קאטען גארמענטס מאנופעקטשורערס אסס'ן", און אויף יענעם קאנפערענץ זיינען ביידע צדדים געקומען צו א סע־טעלמענט. און דאס האט פאקטיש פאר־ענדיגט דעם גענעראל סטרייק פון די ווהייט גודס וואָרקערס פון לאקאל 62, וואס זיינען ארונטער אין סטרייק צוזא־מען מיט די טשילדרענס דרעסמאכער פון לאקאל 91. דער סטרייק איז גע־ווען אונטער דער אויפזיכט פון דיסט־ריקט קאונסיל, אונטער דער פיהרער־שאפט פון וויס־פרעזידענט ס. לעפקא־וויטש.

דאסגלייך איז שוין אזוי גוט ווי אין גאנצען געסעטעלט דער גענעראל סטרייק פון די טשילדרענס דרעסמאכער, לאקאל 91. ארום 90 פראצענט פון די סטריי־קער זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט, אין געסעטעלטע שעפער. אין סטרייק זיינען נאך בלויז א קליינע צאהל שע־פער פון ביידע פאכען, דאס רוב שע־פער פון אינדעפענדענט מאנופעקטשו־רער.

די ווהייט גודס וואָרקערס יוניאָן איז געווען פארטראטען אויפ'ן קאנפערענץ דורך פרעזידענט זיגמאן; וויס־פרעזי־דענט ס. לעפקאוויטש; וויס־פרעזידענט דייוויד דובינסקי, דער מענעדזשער פון די קאטערס יוניאָן לאקאל 10; אב. סניידער, מענעדזשער פון לאקאל 62; גארינאף, ביזנעס־אייזשענט פון לא־קאל 62; ס. שעהנקער, ביזנעס־אייד־זשענט פון די קאטערס יוניאָן לאקאל 10, און א קאמיטע פון עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער פון לאקאל 62.

די „קאטען גארמענטס מאנופעקטשו־רערס" איז געווען פארטראטען דורך איהר פרעזידענט, מר. ה. ראזענבערג; מר. הערמאן מייסאן, דער מענעדזשער און הערי גארדאן, דער לאיער פון דער אסס'ן.

די סטרייקער האבען געוואונען די פאלגענדע פונקטען:

1. א סטריקט יוניאָן שאפ. דאס איז צים ערשטען מאל אין דער געשיכ־טע פון די סעטעלמענטס אין דעם טרייד, וואס די באלעבאטים האבען נאכגעגעבען דעם פונקט.

2. עס איז געשאפען געווארען א קאמיטע פון דער יוניאָן און פון די מא־נופעקטשורערס אסס'ן, אויף אויסצואר־בייטען מינימום וויידזש־סקיילס פאר די ארבייטער פון אלע צווייגען אין דעם פאך. די קאמיטע זאל זיך נעהמען צו דער ארבייט דרייסיג טעג נאכ'ן סעטעל־מענט.

3. נאך דרייסיג טאג נאטיס קאן יעדער צד איינרופען א קאנפערענץ צו מאדיפיצירען די וויידזש־סקיילס.

4. קיין ארבייט טאר ניט ארויסגע־שיקט ווערען אוטסייד, איידער די אינ־סייד ארבייטער האבען גענוג ארבייט.

5. קאטערס באקומען גלייך א הע־כערונג פון דריי דאלאר א וואך. אלע אנדערע וואך־ארבייטער באקומען א הע־כערונג פון איין דאלאר א וואך. שטיק־ארבייטער באקומען א העכערונג פון פינף פראצענט.

6. אלע מאנופעקטשורערס פארפליכ־טען זיך צו געברויכען יוניאן־מייד עמ־בראידערי און טרימינגס מיט'ן יוניאן־לייבעל.

דאס זיינען בלויז איניגע פונקטען פון דעם באנייטען אגרימענט, וועלכער איז שוין אונטערגעשריבען געווארען פון ביידע צדדים.

די סטרייקער פון די עטליכע שעפער אין טשילדרענס דרעס טרייד, וואס זיי־נען נאך ניט געסעטעלט, געפינען זיך אין דער רענד סקוהל האל, און זיינען אונטער דער אויפזיכט פון ברודער ה. גרינבערג, דער מענעדזשער פון לאקאל 91, און די סטרייק־קאמיטע פון דעם לאקאל. די סטרייקער פון די עטליכע איבערגעבליבענע שעפער האלטען זיך בראוו און מוטיג. זיי וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צו דער ארבייט, ביידען אויב זייערע באלעבאטים וועלען נאכגע־בען די גערעכטע פאדערונגען פון די אר־בייטער און וועלען אונטערשרייבען דעם יוניאן־אגרימענט.

קלאוק אפרייטארס

מעמבערס פון לאקאל 2 אויפמערקזאם!

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 14טען מארטש

1 אוהר נאכמיטאג

אין מאנהעטען לייסעאום

66 איסט 4טע סטריט

וויס־פרעזידענט פערלשטיין וועט אפגעבען א באריכט, איידער ער ציהט זיך דירעקט צוריק אלס מענעדזשער פון דעם לאקאל.

אויף דעם מיטינג וועלען געמאכט ווערען ערשטע און לעצטע נאמינײשאנס פאר א מענעדזשער פון דעם לאקאל. אפערייטארס! קומט אין מאסען זיך באטייליגען אין די נאמינײשאנס.

מיט ברודער גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, קלאוק, סוט און ריפער אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2

א. ל. ג. וו. י.

נ. ב. עלעקשאן פאר א מענעדזשער וועט פארקומען שבת, דעם 21טען מארטש, 1925.

אן אונטערהאלטונג פאר מיטגלידער פון לאק. 41

די טאקערס, פליטערס און העמסטיט־שערס יוניאן, לאקאל 41, האט ארגאנ־יזירט אן אונטערהאלטונג פאר די מיט־גלידער, וואו זיי וועלען קענען פאר־ברענגען אן אנגענעמען אווענט. דאס וועט פארקומען דעם שבת אווענט, 14טען מערץ, אין אודיטאריום פון דער אינ־טערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער פראגראם פון אווענט איז: דענ־סינג, רעפרעשמענטס און געזעלשאפטלי־כע אונטערהאלטונג. עס וועט אויך גע־האלטען ווערען א קורצע רעדע פון א פארשטעהער פון אונזער אינטערנעשא־נאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

איינטריט איז פריי. מען דארף אבער האבען א טיקעט אריינצוגעהן. זאלען די מיטגלידער פון דעם לאקאל אריינגעהן אין דער יוניאן און זיי וועלען באקו־מען די נויטיגע טיקעטס, וואס זיי דאר־פען. עס וועט געווים זיין א גאנץ אינ־טערעסאנטער און אנגענעמער אווענט.

וואהלען פאר סעקרעטער מענעדזשער פון לאקאל 22

(שלוס פון זייט 1.)

גרופע מעמבערס פון געוועזענעם לאקאל 17, האבען געשטערט די צונויפשטעלונג פון אלע קלאוק און ריפער אפערייטארס אין איין לאקאל יוניאן. אבער יענע שטערונג איז שוין מעהר ניטא.

עס איז די מיינונג פון דער ספע־ציעלער קאמיטע, וואס איז ערוויילט גע־ווארען פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד צו האבען אויפזיכט איבער'ן לאקאל, דאס איצטער, נאכדעם ווי דער עקזע־קוטיוו באארד פון אייער לאקאל איז שוין אינסטאלירט געווארען, זאלט איהר מאכען וואהלען פאר א סעקרעטער־מע־נעדזשער פון אייער לאקאל.

איך וויל אבער ציהען אייער אויפ־מערקזאמקייט צו דעם פאקט, דאס ווען דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אנגענומען דעם באשלוס צונויפצושמעל־צען די דריי לאקאלס אין לאקאל 2, איז עס אויך באשלאסען געווארען, דאס לא־קאל 2 זאל בלייבען אונטער די דירעקטע פיהרערשאפט און אונטער די אויפזיכט פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד, דורך דער ספעציעלער קאמיטע, פאר א משך פון א יאהר צייט, וואס וועט זיך ענ־דיגען דעם 15טען אקטאבער, 1925.

מיר לאזען אייך דעריבער וויסען, דאס נאכדעם ווי אייער מענעדזשער־סעקרעטער וועט ערוויילט ווערען, וועט וויספרעזידענט פערלשטיין מעהר ניט זיין דער מענעדזשער פון דעם לאקאל; ער בלייבט אבער אלץ דער סופערוויי־זער פון דעם לאקאל, פארטרעטענדיג די ספעציעלע קאמיטע אזוי גוט ווי דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס האט די קאמיטע געשאפען.

מיט די בעסטע ווינשען פאר דעם ערפאלג פון דעם נייעם לאקאל, ברידער־ליך אייער,

מאריס זיגמאן,
פרעז. א. ל. ג. וו. י.

לאקאל 2 קאן, אלזא, איצטער גלייך צוטרעטען צו מאכען וואהלען פאר סעק־רעטער־מענעדזשער פון לאקאל 2.

נאמינײשאנס פאר מענעדזשער דעם שבת

נעהענדיג צום דרוק מיט דער צייטונג לאזט מען אונז וויסען, דאס דעם שבת ביי טאג וועט לאקאל 2 האבען א דזשענע־ראל מעמבער מיטינג אין מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט, און אויף דעם מיטינג וועלען געמאכט ווערען די ער־שטע און לעצטע נאמינײשאנס פאר סעק־רעטער־מענעדזשער פון דעם לאקאל. די וואהלען וועלען פארקומען שבת, דעם 21־טען מארטש.

וויס־פרעזידענט פערלשטיין וועט אויף דעם מיטינג אפגעבען א רעפארט פון דער טעטיגקייט פון דעם לאקאל, פאר דער צייט וואס ער איז געווען דער מענעדזשער.

שוין ערשינען

The Women's Garment Workers

A History of the International Ladies Garment Workers Union

די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן

א בוך פון איבער 6 הונדערט זייטען, גרויסער פארמאט און שעהן געבונדען

געשריבען פון

דר. לואי לעווין

פראפעסאר פון „סינדיקאליזם אין פראנקרייך" און נאך אנדערע ווערק איבער סאציאלע און עקאנאמישע פראגען.

אויב איהר ווילט האבען אן אמת'ען באגריף וועגען אונזער יוניאן און האבען א גייסטיגען פארגעניגען לעזענדיג, טו פארפעהלט ניט צו לייענען דעם בוך.

דער פרייז פון דעם בוך איז פינף דאלאר.

מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל קאנען באקומען א בוך פאר העלפט פרייז

פאר $2.50

פאר דעם פרייז קאן מען באקומען דעם בוך בלויז

אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 26טע סט., נ. י.

מאנטאג און דאנערשטאג וועט דער אפיס זיין אפען ביז 6.30 פארנאכט, כדי די מיטגלידער זאלען קאנען קריגען דעם בוך געהענדיג פון דער ארבייט.

טע. די דעלעגאטען האבען זיך אויס־
געשפראכען צו שטעהן מיט די בעקערס
אין זייער קאמף פאר זייער יוניאן און
זייער לייבעל פון דער אינטערנעשאנאל
בעקערי און קאנפעקשאנערי יוניאן. עס
איז ערוועהלט געווארען א גרויסע קא־
מיטע אנצופירען די פראפאגאנדע פאר
דעם לייבעל און מען זאל אגיטירען אין
די גראסעריס און רעסטאראנען, דאס
נאר ברויט מיט דעם יוניאן לייבעל זאל
געברויכט ווערען.

מ. פיינסטאן, סעקרעטאר.

פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען

דער לעצטער מיטינג פון די פאראיי־
ניגטע אידישע געווערקשאפטען איז אפ־
געהאלטען געווארען מאנטאג, דעם 2טען
מארטש, אונטער דעם פארזיץ פון מ. אב־
ראמסאן, טשערמאן, און מ. גאלדאפסקי,
וויס טשערמאן.

אין דער אויטסייד קאמיטע זיינען ער־
וועהלט געווארען די דעלעגאטען קאספע,
זיסקינד און בעקער.

עס ווערט צוגעלאזען א קאמיטע פון די
סטיידזש קארפענטערס יוניאן לאקאל 1
וועלכע ערקלעהרט, דאס די מענעדזשמענט
פון דעם אמפיאן טעאטער ענטזאגט זיך
צו בעטען מיט די טעאטער יוניאנס און
דאס די אקטיארען, סטיידזש קארפענ־
טערס, קארמען, דרעסערס, מואינג פיק־
טשור־אפערייטארס און ביל פאוסטערערס
און אשערס וואס ארבייטען איצט דארט
אין טעאטער זיינען ניט קיין יוניאן לייט;
דאס די בעלי בתים פונ'ם טעאטער פאר־
שפרייטען פארשידענע ליגענס געגען די
טעאטער יוניאנס און באריהמען זיך דאס
זיי וועלען קיינמאל ניט סעטלען מיט די
יוניאנס. די קאמיטע פארלאנגט, אז די
געווערקשאפטען זאלען זיי העלפען צו יוני־
אניזירען דעם טעאטער און העלפען קרי־
גען פובליסיטי, אום דער עולם זאל וויסען
דאס דער אמפיאן טעאטער איז ניט קיין
יוניאן טעאטער און דאס די מענעדזש־
מענט איז אנפעיר צו יוניאן לייבאר. דער
פערלאנג ווערט באוויליגט און א קאמיטע
ווערט ערוועהלט צו העלפען דער יוניאן.
די קאמיטע באשטעהט פון פוקס, עטענ־
סאן און וואלפערט.

די קאמיטע צו די קארפעט און אינ־
לייד רייערס יוניאן באריכטען גינסטיג
וועגען דער יוניאן און רעקאמענדירען
איר ארייננעמען אין די געווערקשאפ־
טען. באריכט ווערט גוטגעהייסען, און
די דעלעגאטען פון דער יוניאן ווערען
צוגעלאזען.

געג. דעמביצער פונ'ם „לייבאר דיי־
וויזשאן" פונ'ם „ארט" באריכטעט ווע־
גען דער אקטיוויטעט פון דער ארביי־
טער קאמיטע צו שאפען די פארשפרא־
כענע פופציג טויזענט דאלאר אלס דער
ארבייטער־טייל אין דעם יעצטיגען
דרייוו פאר דעם „ארט". ער גיט אי־
בער א רייהע פאקטען און ציפערען,
וואס יוניאנס און דער ארבייטער רינג
האבען שוין באשלאסען און די אויסזיכ־
טען פאר ווייטער. ער פארזיכערט,
דאס ניט נאר וועט די פארשפראכענע
סומע גיזאמעלט ווערען, נאר, ווי עס
ווייזט אויס, וועט פיל מעהר געשאפען
ווערען. ער באריכטעט ווייטער, דאס
די ארבייטער־קאמיטע האט אראנזשירט
א פורים־סעודה פאר מיטוואך, דעם 11־
טען מארטש, וואו אלע פראדוקטען און
עסענווארג ווערט געגעבען פריי, און אז
דער גאנצער איינקונפט פון די טיקעטס
געהט פאר'ן „ארט"־פאנד. ער לאדט
איין די געווערקשאפטען צו זיין פאר־
טראטען ביי דער סעודה. די איינלא־
דונג ווערט אנגענומען, און א קאמיטע,
באשטעהענד פון אבראמסאן, גאלאפסקי
און פיינסטאן, ווערט ערוועהלט.

דער סעקרעטאר באריכטעט, דאס
ער האט אנטייל גענומען אין איינינע
קאנפערענצען צווישען די סטרייקענדע
בעקער־דרייווערס און די בעלי־בתים פון
דער פירמע פעכטער בייקינג קאמפאני.
דאס די פעכטערס ענטזאגען זיך אונ־
טער אלע אומשטענדען צו האנדלען מיט
די בעקער־דרייווערס יוניאן און דאס
אלע פראפאזישאנס, וואס זיינען גע־
מאכט געווארען, האבען זיי צוריקגע־
וויזען. ער באריכטעט ווייטער, דאס
די בעקערס פון לאקאל 305, ווי אויך
169, וועלכע ארבייטען אין פעכטער'ס
שאפ, וואו דער סטרייק געהט אן, זיי־
נען ארויס אין סימפאטיע סטרייק מיט
די דרייווערס, ניט קענענדיג צוזעהן, ווי
סטרייק־ברעכער צופירען ברויט מיט'ן
יוניאן־לייבעל. די בעקער האבען מיט זיי־
ער האנדלונג דאס מאל, פונקט ווי זיי
האבען עס אלע מאל געטאן, געוויזען, אז
דאס געפיהל פון סאלידאריטעט שטעהט
ביי זיי העכער ווי אלעם אנדערעס.

ער באריכטעט אויך, דאס ער האט
באזוכט און אדרעסירט די פאלגענדע
יוניאנס: גראסערי קלוירקס, בעקערס
לאקאל, ברענטש 1, בעקער־דרייווערס,
טראנק־מייקערס, פורניטשור־דרייווערס,
אייז־קרים ארבייטער, פורניטשור סיי־
לעסמען, פייפער באקס מייקערס, ביל־
פאוסטערס און אשערס, טעאטריקאל־
דרעסערס, כאריסטען און די טערקישע
און רוסישע באד ארבייטער. די לעצטע
געפינען זיך אין א דזשענעראל סטרייק.
די בעלי־בתים פון די בעדער האבען
ארויסגעווארפען די ארבייטער דערפאר,
וואס זיי האבען זיך ארגאניזירט, און די
יוניאן איז געווען געצוואונגען צו ענט־
פערען מיט א סטרייק. דיזע ארבייטער
שמאכטען אונטער זעהר שלעכטע אומ־
שטענדען. זיי מוזען ארבייטען אומענד־
ליכע שטונדען און קריגען קיין סענט
ניט פאר דער ארבייט. זייערע פאר־
דינסטען קומען פון די טיפס, וואס זיי
קריגען פון די קאסטאמערס, און זאגאר
פון דעם נעמט נאך דער באס ארונטער
א געוויסען פראצענט פאר קאלעקטען.
די דעלעגאטען ווערען אויפגעפאדערט צו
לאזען וויסען אין די יוניאנס וועגען דעם
סטרייק, און דער אפיס ווערט אינסטרו־
אירט צו העלפען די סטרייקער.

די דעלעגאטען פון לאונדרי דרייוו־
ווערס יוניאן לאקאל 810 באריכטען,
דאס זייער יוניאן האט באניית די קאנ־
טראקטען און געסעטעלט מיט די אינדע־
פענדענט, פרימראוז, ר. און ס. פיטקין
און סאוויום וועט וואש לאונדרי קאמ־
פאניס, און דאס עס איז דא א מעג־
ליכקייט אפצוסעטלען אויך מיט די אנ־
דערע. די קליוולאנד וועט וואש קא.,
ערקלערט דער דעלעגאט, האט ניט גע־
סעטעלט מיט דער יוניאן, און דארט
געהט אן א סטרייק.

דעלעגאט פון לאקאל 83 פון דער
אידישער טיפאגראפיקאל יוניאן באריכ־
טעט, דאס זיין יוניאן פירט אן א
סטרייק געגען דער רוסישער צייטונג
„רוסקאיע סלאווא". ער גיט איבער איינ־
צעלהייטען, פארוואס דער סטרייק איז
גערופען געווארען, און פארלאנגט די
הילף פון די געווערקשאפטען. דער סעק־
רעטאר ווערט אינסטרואירט צו העלפען
דער יוניאן מיט אלעס, וואס עס איז נאר
מעגליך.

די דעלעגאטען פון דער גראסערי
קלוירקס יוניאן באריכטען, דאס זייער
יוניאן געפינט זיך יעצט אין דער לאגע,
דאס לאקאלע סטרייקס מוזען גערופען
ווערען, אום אויפצוהאלטען דעם יוניאן
קאנטראקט. דאס זיי סטרייקען יעצט
אין 187טע סט., 180טע סט., ברוק און
סט. ענס עווענו און אין 148טע סט.
ער באריכטעט ווייטער, דאס די יוניאן
פירט אן אן ענערגישען קאמפיין אין
ברוקלין צו ארגאניזירען די קלוירקס, און
דאס עס איז מעגליך, אז עס זאל דארט
פארקומען אין גיכען א דזשענעראל
סטרייק. ער פארלאנגט די הילף פון די
געווערקשאפטען. דער פארלאנג ווערט
באוויליגט.

די דעלעגאטען פון ברענטש 1 פון
בעקער לאקאל 3 באריכטען, דאס זיי
פירען אן א סטרייק געגען דעם באס
קעלערמאן פון 1399 גייטס עוועניו,
ברוקלין.

די דעלעגאטען פון לאונדרי ארביי־
טער יוניאן לאקאל 280 ערקלערען, דאס
זייערע קאנטראקטען מיט די בעלי בתים
ענדיגען זיך דעם 1טען מאי, און דאס
עס איז מעגליך, אז א סטרייק זאל
דארפען גערופען ווערען, אום צו באנייען
די קאנטראקטען. זיי פארלאנגען פון
די געווערקשאפטען, זיי צו העלפען אין
דער ארבייט. דער פארלאנג ווערט בא־
וויליגט.

נייע דעלעגאטען ווערן צוגעלאזען
פון דער בעקערס יוניאן לאקאל 305,
ה. קאספער, אב. שווארץ און מאקס
זיידעל.

די קאמיטע צום בעקער־קאנפערענץ,
וואס איז אפגעהאלטען געווארען זונ־
טאג, דעם 1טען מארטש, באריכטעט, אז
דער קאנפערענץ איז געווען אן ערפאלג־
רייכער, אז 146 ארגאניזאציעס זיינען
געווען פארטראטען דורך 325 דעלעגא־

א מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

א זיצונג פון עקזעקוטיוו באארד פון
דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז
אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט
דעם 17טען פעברואר, אין אפיס פון דער
יוניאן, 16 וועסט 21טע סטריט, אונ־
טער דעם פארזיץ פון ברודער אב. ריבין.

קאמיטעס פון שעפער האבען זיך גע־
ווענדעט מיט פארשידענע פארלאנגען
און דער עקזעקוטיוו באארד האט, נאך
א געהעריגע באטראכטונג, איבער זיי
געהאנדעלט.

ברודער ווייסגלעס איז געקומען צום
עקזעקוטיוו באארד און ערקלערט, אז
אין שייכות מיט די וואהלען פאר ביז־
נעס אייודזשענט פון אונזער לאקאל,
וואס האט געזאלט מיט א פאר טעג
צוריק געהאלטען ווערען, האט די טרייד
יוניאן עדיוקיישאנאל ליג אין איהר ליפ־
לעט, וואס זי האט וועגען דעם ארויס־
געלאזען, איהם אנגעגריפען, און דאס־
זעלביגע האט אויך געטאן די „פריי־
הייט".

עס איז באשלאסען געווארען זיין
פארלאנג אויפצונעמען אין דערזעלבער
צייט ווען די פראגע וועגען דעם ליפ־
לעט אין אלגעמיין וועט פארהאנדעלט
ווערען.

דער דזשאינט באארד האט צוגע־
שיקט א מיטטיילונג איבערגעבענדיג די
איינצעלהייטען וועגען ברודער פעקער'ס
„קייס" און אין איינקלאנג מיט דעם
איז באשלאסען געווארען, אז ער פאלט
אויטאמאטיש ארויס אלס מיטגליד פון
עקזעקוטיוו באארד.

דער באארד אוו דירעקטארס בא־
ריכט פון דעם 4טען פעברואר, און
דער דזשאינט באארד באריכט פון דעם
6טען פעברואר זיינען אויפגענומען גע־
ווארען און נאך א געהעריגער באראטונג
און איבערלייגונג גוטגעהייסען.

נאכדעם האט דער עקזעקוטיוו
באארד באשטימט, וועלכע מעמבערס
און בעאמטע זאלען זיין ביי די פארשיי־
דענע בראנטש מיטינגען אכטונג צו גע־
בען אז זיי זאלען ריכטיג געפיהרט ווע־
רען.

ברודער פארבער, ארגאנייזער, האט
באריכטעט, אז אין דעם משך פון די
ערשטע 10 טעג וואס דער ארגאניזא־
ציאנס־קאמפעין ווערט אנגעפיהרט, האט
דער ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט גע־
האט אויפצופאסען אויף 106 שעפער,
פון וועלכע 8 שעפער זיינען איבערגע־
בליבען פון פריהערדיגע סטרייקס; צוויי
„לאק־אוטס"; צוויי סטרייקענדע יו־
ניאן שעפער; 15 שעפער האבען זיך
יעזוענדערט אריינגענומען צו ווערען אין
דער אסאסיאיישאן און 78 ניט־יוניאן
שעפער, וואס זיינען ארונטערגענומען
געווארען אין סטרייק.

ברודער פארבער האט זיך אפגע־
שטעלט אויף די שוועריגקייטען, וואס
זיינען פארבונדען מיט דער דאזיגער
ארבייט און וואס פאר א שטערונגען
די מעמבערס פון דער ארגאניזאציאנס־
קאמיטע האבען ביי'ם אנפירענדיג
דעם דאזיגען קאמפיין. ער האט אנגע־
וויזען, אז די מעהרסטע שעפער האבען
זיך איבערגעצייגט אפטמאל אין גרויסע
געביידעס, וואו עס איז כמעט אוממעג־
ליך צו פיקעטען, פונדעסטוועגען מיינען
מיר זיין צופרידען מיט די דערווייליגע
רעזולטאטען און מיר מיינען באטראכ־
טען דעם קאמפיין פאר אן ערפאלג.
ספעציעל ווען מען נעמט אין באטראכט,
אז פאר דער קורצער צייט האבען מיר
אונטער אונזער אויפזיכט געהאט אזוי
פיעל שעפער. און דאס איז א דאנק
די איבערגעבענהייט פון די וואס הא־
בען באגריפען די וויכטיגקייט פון דער
דאזיגער ארבייט.

נאך איהם האט ברודער זימערמאן,
טשערמאן פון דער ארגאניזאציאנס־קא־
מיטע אנגעוויזען אויף דער ארבייט,
וואס ווערט איצט אנגעפיהרט, און ער־
קלערט, אז די דאזיגע ארבייט איז
זעהר אן אנגעשטרענגטע און פאלט
שווער אויף די מיטגלידער, וואס פיה־
רען איהר דורך און עס איז זיין מיי־
נונג, אז כדי די ארבייט זאל אנגעהן
אומאינטערבראכען, מוזען פון צייט צו
צייט פרישע מעמבערס פארנעמען די
פלעצער פון די פארמאטערטע און אויס־
געמוטשעטע פיקעטס. ער האט אויפ־
געפאדערט דעם עקזעקוטיוו באארד צו
זעהן, אז נייע רעקרוטען זאלען אריינ־
געצויגען ווערען אין דער ארבייט אויף
דעם פלאץ פון די וואס זיינען ביז
איצט געווען אקטיוו אין דער קאמיטע.
ער האט אויך אפעלירט צו די ביזנעס
אגענטען אריינצוקריגען נייע מיטגלידער,
וואס זאלען זיך באטייליגען אין דער
דאזיגער ארבייט.

דער סעקרעטער פון ארגאניזאציאנס
קאמיטע, ברודער בלוסטיין, האט איינ־
פארמירט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז
בריעף זיינען ארויסגעשיקט געווארען צו
די שאפ טשערלייט צו שיקען פיקעט
קאמיטעס יעדען פריהמארגען צו כטיי־
וועסאנט קאסינא צו העלפען טאן פיקעט
ארבייט.

נאך א לענגערע דיסקוסיע האט דער
עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו פאר־
לאנגען פון דער ארגאניזאציאנס־קאמי־
טע צו עפענען העדקוואדערס פאר די
פריהמארגענס אין אפיס פון דער יוניאן,
16 וועסט 21טע סטריט.

ברודער פארטנאי, סעקרעטער פון
לאקאל, האט מיטגעטיילט דעם עקזעקו־
טיוו באארד, אז מיטוואך, דעם 11טען
פעברואר, האט ברודער פיינבערג, דזש.
באארד מענעדזשער, איהם גערופען צו
זיך און געפרעגט ווי אזוי דער עק־
זעקוטיוו באארד האט געהאנדעלט וועגען
דעם צירקולאר וואס איז פון דער
ט. י. ע. ל. פארשפרייט געווארען אין
די שעפער. אויף דעם האט ער גע־
ענטפערט פיינבערג'ען, אז דער עקזע־
קוטיוו באארד האט באשלאסען ארויס־
צושיקען א בריעף צו די מעמבערס,
ענליך צו דעם בריעף, וואס דער אל־
טער עקזעקוטיוו באארד האט ביי א
פריהערדיגע געלעגענהייט ארויסגעשיקט.
ברודער פארטנאי האט איהם גלייכציי־
טיג געוויזען א קאפיע פון דעם דאזי־
גען בריעף.

ברודער פיינבערג איז ניט געבליבען
צופרידען מיט'ן אבגען בריעף און פאר־
לאנגט פון סעקרעטער אונטערצושרייבען
אן ערקלערונג, וואס ער, פיינבערג, וועט
אויפשרייבען. דער סעקרעטער האט
איינגעשטימט אונטערצושרייבען די ער־
קלערונג אין זיין אייגענעם נאמען, אבער
נים אין נאמען פון עקזעקוטיוו באארד,
ווייל דער לעצטער האט איהם קיינע
אינסטרוקציעס וועגען דעם ניט געגע־
בען. ברודער פיינבערג האט גלייך
נאכדעם פארארדנט אפצולייגען די
וואהלען.

ברודער פיינבערג האט אויך אינפאר־
מירט דעם סעקרעטער, ברודער פארט־
נאי, אז אויב דער עקזעקוטיוו באארד
וועט איינשטימען אונטערצושרייבען די
ערקלערונג, וואס ער האט אויסגעאר־
בייט, וועלען אלע פארבארייטונגען גע־
מאכט ווערען צו האבען וואהלען אזוי
שנעל ווי מעגליך.

דער עקזעקוטיוו באארד האט בא־
שלאסען ניט צו האנדלען וועגען דעם
און אפצווארטען ביז דער דזשאינט
באארד וועט די זאך אויפנעמען.

דזשוליוס פארטנאי, סעק.

א קאאפעראטיווע פארטיי אין ענגלאנד

אמאל זיינען די ענגלישע פראפעסיא־
נעלע פאראיינען געשטאנען אויף דעם
שטאנדפונקט, אז זיי דארפען זיך נישט
מישען אין פאליטיק. און ווען זיי הא־
בען דעם דאזיגען שטאנדפונקט פאר־
ווארפען, זיינען זיי אליין געווארען —
די פארטיי פון ענגלישען פראלעטאריאט.
די ענגלישע לייבאר פארטיי — דאס זיי־
נען פריהער פאר אלץ די פראפ. פאר־
איינען.

די ענגלישע קאאפעראטיווע באווע־
גונג איז נאך לענגער איידער די פרא־
פעסיאנעלע באוועגונג פארבליבען אפא־
ליטיש. אבער סוף כל סוף האבען אויך
די קאאפעראטיווען פארשטאנען, אז בליי־
בען אן א זייט פון פאליטישען לעבען
קאנען זיי נישט און זיי זיינען געגאנ־
גען מיט דעם דאזיגען וועג, ווי די פרא־
פעסיאנעלע פאראיינען: זיי האבען גע־
גרינדעט א קאאפעראטיווע פארטיי.

דא נישט לאנג איז אין מאנטשעס־
טער פארגעקומען די יעהרליכע קאנפע־
רענץ פון דער דאזיגער פארטיי. באטיי־
ליגט אין איהר האבען זיך 350 דעלעגא־
טען, וואס האבען פארטראטען 204 קא־
אפעראטיווען. די וויכטיגסטע פראגע,
וואס האט אינטערעסירט די קאנפערענץ,
איז געווען די פראגע וועגען דער באצי־
הונג צו דער לייבאר פארטיי.

דאס רוב רעדנער זיינען געשטאנען
אויף דעם שטאנדפונקט, אז די קאאפע־
ראטיווע פארטיי דארף אונטערשטיצען
די לייבאר פארטיי, אז זי דארף זיך
אבער מיט איהר נישט צונויפגיסען. די
אינטערעסאנטסטע רעדע אין דער הינ־
זיכט איז געווען די רעדע פון דעפוטאט
בארנעס.

ער האט אנגעוויזען דערויף, אז די
צאהל קאנדידאטען, וואס ווערען אויסער־
וועהלט בעת וואהלען צום פארלאמענט
אדער צו די שטאדט־ראטען אויף א ריין
קאאפעראטיווער פלאטפארם, וואקסט
פאמעליך, אבער אהן אויפהער. פונדעסט־
וועגען געהער לעת עתה צו דער קאאפע־
ראטיווער פארטיי נאר א קלייגער טייל
פון אלע ענגלישע קאאפעראטיווען (204
פון 1068). הגם אין אלע וויכטיגסטע
פראגען פון אינערליכער און אויסערלי־
כער פאליטיק איז נישט פאראן קיין
חילוק צווישען דער קאאפעראטיווער און
ארבייטער־פארטיי, פונדעסטוועגען האלט
בארנעס פאר פריהצייטיג צו קלערען וועגען
א פאראייניגונג. ס'איז גענוג בלויז
אן ענגער קאנטאקט.

דער באקאנטער ענגלישער קאאפע־
ראטיווער דעפוטאט אלעקסאנדער האט
אנגעוויזען דערויף, אז די קאאפעראטיווע
באוועגונג איז אן ארויספאדערונג לגבי
דער עקזיסטירענדער סאציאלער ארדנונג.
פון דער לייבאר־פארטיי טיילט איהם אפ
דאס, וואס דער פרינציפ פון פרייען
האנדעל שפילט נישט פאר איהר אזא
ראליע, ווי פאר די קאאפעראטיווען.
אלעקסאנדער האלט אבער, אז ס'איז
היינט נישט אזא צייט, מ'זאל זיך קאנען
גריבלען אין די חלוקי־דעות.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 13טען מארטש.

צושריפטען

לאקאל 2 אינפארמירט דעם דזש. באארד, אז זיי האבען גוטגעהייסען דעם פראטאקאל פון דעם 6טען מארטש מיט דער אויסנאמע פון דעם באשלוס באצוג די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 22 און אז דער דיוס דעפארטמענט אין דעם דזשאינט באארד זאל צוריק געעפענט ווערען.

לאקאל 9 פארלאנגט, אז דער דזש. באארד זאל ניט ערלויבען דיסטריקט מענעדזשערס און ביזנעס איידזשענטס צו געבען ערלויבניש שפעטער צו ארבייטען שבת אדער זונטאג, אז דאס זאל בלויז געטאן ווערען פון די באארד און דירעקטארס אדער דעם דזשענעראל מענעדזשער.

דער פארלאנג פון לאקאל 9 ווערט באוויליגט.

דערזעלבער לאקאל אינפארמירט דעם דזשאינט באארד אז זיי האבען גוטגעהייסען דעם פראטאקאל פון דעם 6טען מארטש מיט דער אויסנאמע פון דעם באשלוס צוריק צו עפענען דעם דיוס דעפארטמענט אין דעם דזשאינט באארד, און אז פון לאקאל 22 זאל אוועקגענומען ווערען דאס רעכט אנטייל צו נעמען אין די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס אין דעם דרעס דיוויזשאן.

לאקאל 10 אינפארמירט דעם דזשאינט באארד, אז זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 6טען און 20טען פעברואר און די באריכטען פון די באארד און דירעקטארס פון דעם 11טען און 18טען פעברואר.

לאקאל 21 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד פון 6טען מארטש.

לאקאל 22 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען די באריכטען פון די באארד און דירעקטארס פון דעם 25טען פעברואר און דעם 4טען מארטש מיט דער אויסנאמע פון די באשליסע צוריק צו עפנען דעם דיוס דעפארטמענט אין דעם דזשאינט באארד און ניט צו ערלויבען דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22 אנטייל צו נעמען אין די וואהלען פאר אפיסערס אין דעם דרעס דעפארטמענט.

לאקאל 48 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 30טען יאנואר און דעם 6טען פעברואר.

לאקאל 89 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען די באריכטען פון די באארד און דירעקטארס פון דעם 25טען פעברואר און דעם 4טען מארטש און דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 6טען מארטש מיט דער אויסנאמע פון דעם טייל, באצוג צוריק עפענען דעם דיוס דעפארטמענט אין דעם דזשאינט באארד.

לאקאל 48 ברייגנט אריין א קלאגע געגען לאקאל 9 פאר רופען פינישערס פון דעם שאפ „ה. מענדעלבאום", 48 וועסט 27טע סטריט, מעמבערס פון לאקאל 48, צו זייער גריוועגס קאמיטע און האט זיי געפיינט 10 דאלאר א שטיק, פון וועלכער סומע 5 דאלאר איז שוין פון זיי קאלעקטעט געווארען.

דער זעלבער לאקאל קלאגט אויך אין לאקאל 9 פאר ענטזאגען זיך אויסצופירען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד צו קאלעקטען 50 סענט דיוס אנשטאט 35 סענט.

אויף דער ערשטער קלאגע ווערט א קאמיטע, באשטעהענד פון די ברידער סטאלער, לעווין (לאקאל 35), פרומטשיק, הימעלפארב און זוויס, אפוינטעט אונטערצוזוכען די קלאגע.

באצוג דער צווייטער פראגע, אינפארמירט ברודער פיש, אז ער האט איינגעגעבען א קלאגע אין נאמען פון דעם דזש. באארד צו דער אינטערנעשאנאל.

די שטעלונג פון ברודער פיש ווערט גוטגעהייסען.

ברודער קופער, פון לאקאל 2, וועלכער איז אבוועזענד געווען פון מיטינג, וואו די אנדערע דעלעגאטען פון זיי לאקאל זיינען צוגעלאזען געווארען, ווערט אבדזשעקטעט פון ברודער בארענשטיין, לאקאל 35.

א קאמיטע, באשטעהענד פון די ברידער פארער, וויסמאן און הערמאן, ווערט אפוינטעט אונטערצוזוכען די קלאגע.

וואהלען פאר אפיסערס.

וואהל פאר טשערמאן ווערט אויפגענומען. ברודער אנסעל ווערט ערוועהלט אלס טשערמאן פונ'ם דזשאינט באארד.

נאך דער ערוועהלונג פון ברודער אנסעל אויף דעם פלאץ פון ברודער נאכלין אלס טשערמאן פון דעם דזשאינט באארד, ווערט אויפגענומען וואהלען פאר ערשטער וויים־פרעזידענט.

ברודער וויסמאן ווערט ערוועהלט אלס ערשטער וויים־פרעזידענט.

ברודער וויינשטיין, פון לאקאל 23, ווערט איינשטימיג ערוועהלט אלס סארדזשענט־עט־ארמס.

ברודער קראוויץ, לאקאל 2, ווערט איינשטימיג ערוועהלט אין דער פינאנץ קאמיטע.

אויפ'ן פלאץ פון ברודער וויסמאן אין דער אפיעל קאמיטע, ווערט ברודער לעווין ערוועהלט.

אויפ'ן פלאץ פון ברודער אנסעל אין די באארד און דירעקטארס, ווערט ברודער סטאלער ערוועהלט.

אויפ'ן פלאץ פון ברודער סטאלער אין דער אפיעל קאמיטע, ווערט ברודער פארער ערוועהלט.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער פיינבערג באריכטעט, אז די וואהלען פאר אפיסערס פאר דעם דרעס־דיוויזשאן וועלען אפגעהאלטען ווערען דינסטאג, דעם 17טען מארטש. ברודער פיינבערג רעקאמענדירט, אז די זעלבע עלעקשאן קאמיטע, וועלכע האט געדינט אין דעם קלאוק עלעקשאן, זאל אויך דינען אין דעם עלעקשאן.

ברודער פיינבערג'ס רעקאמענדאציע ווערט גוטגעהייסען.

ברודער פיינבערג באריכטעט אויך, אז אויף דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזש. באארד איז אים באוויליגט געווארען די פריווילעגיע צו אפוינטען א קאמיטע פון 5 שאפ־טשערלייטע צו רעפרעזענטירען לאקאל 22 אין דער עלעקשאן קאמיטע. ער ערקלערט, דאס אום צו פארמיידען רומארס, וועלכע וואלטען געווען פארשפרייט, אז די לייטע, וועלכע ער וואלט אויסגעקליבען, וואלטען געווען אונטער זיין איינפלוס, האט ער געשיקט א בריף צו לאקאל 22, אז דער מעמבערשיפ זאל אויסקלייבען אט די 5 שאפ־טשערלייטע.

ברודער סטאלער אבדזשעקטעט דעם טייל פון דעם דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכטעט, באהויפטענדיג, דאס אזוי ווי די דזשאינט באארד האט שוין איינמאל גענומען א שטעלונג וועגען דער פראגע, האט ברודער פיינבערג ניט געהאט קיין רעכט צו בייטען דעם באשלוס און צו שיקען אזא בריף.

ברודער פיינבערג'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער פיינבערג ערקלערט, אז ער איז איצט פארטיג מיט א באריכט און רעקאמענדאציעס, באצוג דער איינארדנונג פון די אפיסעס. ער רעקאמענדירט, אז די דריי דעפארטמענטס פון דעם דזש. באארד זאלען פאראייניגט ווערען אין 2, און אז דעפארטמענט נומער 1 זאל ענטהאלטען אלע פראטעקטיוו שעפער און אינדעפענדענט שעפער פון דער 29טער סטריט אפ־טאון. באצוג דעם מענעדזשער פאר דעם דעפארטמענט, ערקלערט ברודער פיינבערג, אז נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם אגרימענט מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, מוז דער דעפארטמענט האבען א פערזאן, וועלכער איז באקאנט מיט ארביטריישאן האנדלונגען און וועלכער קען ארויסשטעלען דעם אפים אויף א העכערען באזים. ברודער פיינבערג ערקלערט, אז ער האט זיך באראטען מיט פרעזידענט זיגמאן, און ביידע זיינען געקומען צום שלום, אז דער פערזאן, וועלכער איז צוגעפאסט צו דעם אמט, איז וויים־פרעזידענט פערלשטיין. ברודער זיגמאן איז איינפארשטאנען צו געבען וויים־פרעזידענט פערלשטיין'ען א „ליעוו אוו אבסענס" פון איין יאר, כדי צו ווערען דער מענעדזשער פון דעם אפים. ברודער פיינבערג באריכטעט ווייטער, אז ברודער פערלשטיין האט איינגעוויליגט אנצונעמען דעם אמט. ער רעקאמענדירט דאריבער, אז דיוויזשאן נומ. 1 זאל גערופען ווערען דער פראטעקטיוו דיוויזשאן און זאל געמענעדזשט ווערען פון וויים־פרעזידענט פערלשטיין, מיט ברודער שוסטער אלס אסיסטענט מענעדזשער און קאמפליינט קלוירק.

די רעקאמענדאציע רופט ארויס א דיסקוסיע. איניגע דעלעגאטען באהויפטען, דאס אזוי ווי די בורזשעט קאמיטע האט אריינגעבראכט א רעקאמענדאציע, אז עס זאלען בלויז זיין 7 מענעדזשערס, איז ניטא קיין אורזאכע, פארוואס עס זאל איצט זיין נאך א מענעדזשער.

דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג און פרעזידענט זיגמאן ריידען פאר דער רעקאמענדאציע אויף דעם גרונד, אז דער אפים מוז האבען א פערזאן מיט ברייטערע ערפארונגען און קענטניסע באצוג ארביטריישאן האנדלונגען, און אז ברודער פערלשטיין באזיצט די פעהיגקייטען.

ברודער פיינבערג רעקאמענדירט אויך אז אפים נומ. 2 זאל ענטהאלטען אלע שעפער פון דער 29טען סט. ארונטער און זאל האבען אלס איר מענעדזשער ברודער סלוצקי, מיט ברודער הייט אלס קאמפליינט קלוירק.

אז דער ברוקלין אפים זאל האבען אלס מענעדזשער — ברודער שעכטער;

אז דער הארלעם אפים זאל האבען אלס מענעדזשער — ברודער דזש. רובין;

אז דער דאון־טאון אפים זאל האבען אלס מענעדזשער — ברודער פערלמוטער און

אז דער בראנזוויל אפים זאל האבען אלס מענעדזשער — ברודער קעסטין.

עס ווערט אויך פארשטאנען, אז וויים פרעזידענט פערלשטיין וועט קריגען די זעלבע וויידזשעס פון דעם דזש. באארד, וואס ער קריגט איצט פון דער אינטערנעשאנאל.

די רעקאמענדאציעס ווערען גוטגעהייסען.

וויים פרעזידענט פערלשטיין פארלאנגט, אז זיין אפוינטמענט אלס מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דיוויזשאן זאל גענומען ווערען צו א וואוט, ווייל ער וויל וויסען, צי די דזשאינט באארד וויל אים, צי ניט.

דער פארלאנג ווערט באוויליגט, און די רעקאמענדאציע פאר פערלשטיין'ען אלס מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דיוויזשאן און שוסטער אלס אסיסטענט ווערט אנגענומען.

ברודער פיינבערג רעקאמענדירט אויך אז ברודער דזשוליוס האכמאן זאל זיין מענעדזשער פון דעם דרעס דיוויזשאן און ברודער הארוויץ — טשיעף קלוירק פאר די אסאסיאיישאן שעפער.

די רעקאמענדאציע רופט אויך ארויס א דיסקוסיע. און נאך א לענגערער דיסקוסיע, ווערט ברודער פיינבערג'ס רעקאמענדאציע גוטגעהייסען.

וויים פרעזידענט פערלשטיין פארלאנגט די פריווילעגיע צו מאכען א סטייטמענט.

די פריווילעגיע ווערט אים באוויליגט, און ער דאנקט דעם דזשאינט באארד פאר די עהרע, וואס זיי האבען אים געגעבען אין ערוועהלען אים אלס מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דיוויזשאן. ער פיהלט אבער, אז ער קען ניט אננעמען דעם אמט ווייל די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד האבען ניט ארויסגעוויזען דעם נויטיגען אינטערעס, ווען זיי האבען געשטימט.

ער ענטזאגט זיך דאריבער פון דעם אמט.

ברודער הארוויץ פארלאנגט אויך די זעלבע פריווילעגיע, וועלכע ווערט אים געגעבען. ער ערקלערט, דאס אזוי ווי ער דארף רעפרעזענטירען די דרעסמאכער און פיהלענדיג, אז ער האט ניט דעם נויטיגען סופארט פון זיין לאקאל, ענטזאגט ער זיך דעריבער פון דעם אמט.

ברודער לופין, פון לאקאל 22, ערקלערט, אז זיין דעלעגאציע האט ניט געשטימט געגען ברודער הארוויץ, נאר זייערע וואוטס זיינען געווען געגען דער רעקאמענדאציע פון דעם דזשענעראל מענעדזשער צו האבען 2 מענשען אין דעם אפים.

פרעזידענט זיגמאן נעהמט דאן דאס ווארט. ער קריטיקירט די דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד פאר ניט זיין גענוג פאראינטערעסירט אין די רעקאמענדאציעס פון דעם דזשענעראל מענעדזשער. ער קריטיקירט זיי אויך פאר ניט בעאבאכטען זאכען, וועלכע זיינען גוט פאר דער ארגאניזאציע. ער האפט אבער, אז אין דער צוקונפט וועט דאס מעהר ניט פאסירען, און אז די דעלעגאטען וועלען זיך מעהר אינטערעסירען אין די ביזנעס פון דעם דזשאינט באארד, אזוי אז זיי וועלען וויסען ווי אזוי צו שטימען אויף אן אינטעליגענטען וועג אויף איר־גענד וועלכע פראגע, און ניט שטימען אויף א פראגע בלויז „פרעזענט".

ברודער סטענזאר ערקלערט דאן פאר די דעלעגאציע פון לאקאל 2, אז די אורזאכע ווארום זיי האבען געשטימט „פרעזענט" איז ניט געווען דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען געגען ברודער פערלשטיין, נאר ווייל זיי האבען געוואלט, אז דער טשער זאל אויפנעהמען די פראגע פון די שכירות פאר ברודער פערלשטיין'ען באזונדער.

טשוועסטער פאשא, פון לאקאל 9, מאכט אן עהנליכע ערקלערונג.

דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג זעצט פאר מיט א באריכט וועגען דער דרעס סיטואציע. ער ערקלערט, אז ווען די סקעדיולס זיינען אויסגעארבייט געווארען, זיינען די דזשאבערס איינגעלאדען געווארען אנוועזענד צו זיין ביים מיטינג. זיי זיינען אבער געווען וויליג, אז די יוניאן און די קאנטראקטארס זאלען זיך צוזאמענקומען און האבען פארשפראכען אנצונעהמען דעם באשלוס פון די צוויי צדדים.

זיי האבען דאריבער אונטערגעשריבען דעם אגרימענט און פעברואר דעם 24טען איז געווען דער טאג, ווען דער אגרימענט האט געזאלט אריין אין קראפט. דעם 24טען פעברואר האבען זיך די דזשאבערס ענטזאגט אנצונעהמען דעם אגרימענט און האבען פארלאנגט א קאנפערענץ מיט דער יוניאן. די יוניאן האט דאן רעקאמענדירט צו זיי, אז די 3 צדדים זאלען זיך צוזאמענקומען און זעהן וואס עס קאן געטאן ווערען באצוג די סקעדיולס. ער האט זיי אבער פארזיכערט, אז דער פרינציפ פון די סקעדיולס וועט ניט אויפגעגעבען ווערען. עס ווייזט אבער אוים, אז די דזשאבערס שפיעלען זיך מיט דער צייט, כדי אפצואווענדען די יוניאן פון אט דעם פרינציפ. א סטאפעדזש איז דאריבער געארדערט געווארען אין דער דרעס אינדוסטריע. ביז איצט האט די יוניאן נאך ניט ערהאלטען אן ענטפער פון דער אסאסיאיישאן. ער דענקט אבער צו קריגען אזא ענטפער מארגען, שבת, דעם 14טען מארטש, ווען עס וועט אפגעהאלטען ווערען א מיטינג פון די שאפ טשערלייט פון דער דרעס אינדוסטריע.

דער באריכט פון דעם דזשענעראל מענעדזשער ווערט גוטגעהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

דזשאזעף פיש,
סעקרעטער־טרעזשורער.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

יצחק אייזיק הורוויטש, מאיר לאנדאן און דר. פרייס אדרעסירען א מיטינג פון אלע שאפ טשערלייט פון „גרייטער" ניו יארק, דר. הורוויטש אפעלירט צו די אנוועזענדע, אז זיי זאלען אומבעדינגט זעהן נאכצוקומען און אבהיטען דעם „פראטאקאל", „ווען מיר וועלען אבהיטען די פרטים פון דעם פראטאקאל, וועלען מיר קענען מאהנען ביי די מאנופעקטשורערס אז אויך זיי זאלען איהם אויספאלגען און נאכקומען, דר. פרייס פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל מאכט באקאנט צו די פערזאמעלטע אז לויט א אונטערזוכונג שטארבען יעדען יאהר 100 קלאוקמאכער פון קאנסאמפשאן. אין די ניו יארקער שעפער געפינען זיך ארום אכט הונדערט קלאוקמאכער, וועלכע זיינען קראנק פון טובערקולאזים, דיזע לייטע זיינען א געפאהר פאר די איבעריגע ארבייטער אין שאפ און ער צייגט אן, דאס די ארבייטער אזוי גוט ווי די בעל הבתים דארפען זיין פאראינטערעסירט דיזען איבעל אויסצוראטען.

* * *

ביי דער קלאוק פירמע, געזמאן און קאהען פילאדעלפיא, האט א פינישערין פארלאנגט פון דעזיינער דאס ער זאל איהר ערלויבען אריינצוגעבען אין דער פיי דרויו טיקעטלאך פאר ארבייט וואס עס איז נאך ניט געווען איינגעצאלט פארטיג. פאר דער דאזיגער חוצפה האט איהר דער דעזיינער דערלאנגט א זעץ אין זייט פון וועלכע די מיידעל איז באלד געפאלען אין חלשות. דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז דאס דער גאנצער שאפ ארבייטער האבען צוגעזעהן דיזע סצענע און האבען זיך ניט געריהרט פון ארט.

* * *

שטיצענדיג זיך אויף געוויסע קלאגען וועלכע זיינען אריינגעבראכט געווארען אויף בעאמטע פון בראנזווילער אפים באשליסט די באארד אף דירעקטארס אז די ברידער ווישנעווסקי, אלבערט און ברעט זאלען צייטווייליג סוספענדירט ווערען ביז א קאמיטע וועט מאכען א גרונדליכע אונטערזוכונג און קענען באשטימען אדער אויסווארפען די אריינגעבראכטע קלאגען.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, Presiden: S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. H. A. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII- No. 12. New York, Friday, March 20, 1925.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אפענער בריף פון ר. אבראמאוויטש

געהערטע רעד. פון „גערעכטיגקייט”:—

איך וועט מיר טאן א גרויסע געפעליגקייט, אויב איר וועט אפדרוקען פאלגענדע עטליכע שורות:

ניט וועלענדיג דערלאזען דעם אידישען ארבייטער-עולם אין אמעריקא צו דערגעהן די אמת'ע לאגע אין רוסלאנד, און ניט האבענדיג גענוג זאכליכע ארגומענטען, כדי אפצולייקענען די פאקטען, וואס איך ברייננ, האבען די היגע קאמוניסטען, ווי באוואוסט, באשלאסען צו שטערען מיינע פארזאמלונגען דורך פיזישער אבסטרוקציע. אבער דער ענערגישער זעלבסט-שוץ פון אונזערע גענאסען האט צונישט געמאכט די פלענער פון די שרייער און טומלער, און עס האט זיך מיר ביז היינטיגען טאג אומעטום איינגעגעבען פארענדיגען מיינע פארזאמלונגען אין ארדנונג.

אויפגערעגט דורך זייער דורכפאל, האבען זיך די היגע קאמוניסטען גענומען צו אן אנדער מיטעל. זיי באנוגענען זיך ניט מער מיט שטערען די מיטינגען און באשולדיגען מיך אין אלע מעגליכע און אוממעגליכע פאליטישע פארברעכענס, — זיי זיינען אריבערגעגאנגען צו אן אומדערהערטער און געמיינער פערזענליכער העצע געגען מיר אין פארבינדונג מיט מיין אפפארען פון רוסלאנד. מען פארשפרייט וועגען מיר אין א טונקעלער פארם די שענדליכסטע און מיאוס'טע רכילות, געגען וועלכע יעדער אנשטענדיגער מענש איז מאכטלאז, ווארים ווי קען מען זיך ווערען געגען אזעלכע פארלוימדונגען, ווען די „באשולדיגער” באהאלטען זיך,—ווי בלינדע טרוסען, און קומען ניט ארויס מיט זייערע באווייזען? די קאמוניסטען מאכען נאך יענער אנגענעמער חיה, וואס קעמפט געגען דעם מענשען דורך אויסשפריצען א שטינקענדיגע פליסיגקייט, וואס באשמוצט די קליידער און פארפעסטעט די לופט...

איך האב ניט, וואס צו באהאלטען אין מיין פאליטישען און פערזענליכען לעבען, וואס איך פיר שוין מעהר ווי 25 יאהר פאר די אויגען פון דער סאציאליסטישער עפענטליכקייט. איך בין אין יעדען מאמענט גרייט אויפצונעמען די ארויספאדערונג, וואס דער אלטער רעוואלוציאנער בלאנקי האט אמאל געשליידערט צו זיינע פארלוימדער: איך וועל געהן פון איין ארבייטער-פארזאמלונג צו דער אנדערער; איך וועל דערצעהלען אומעטום וועגען יעדען טאג פון מיין לעבען, אויב איהר זייט גרייט צו טאן דאס זעלבע.

און כדי אפצונעמען ביי נייטראלע מענשען, וואס זיינען אפשר ערליך פארפירט געווארען דורך די קאמוניסטישע ליגנער, יעדע מעגליכקייט צו בארופען זיך אויף „ניט גענוגענדער אינפארמאציע”, ערקלער איך:

1) איך בין אפגעפארען פון רוסלאנד אין נאוועמבער, 1920, אין אויפטראג פון דעם צענטראל קאמיטעט פון דער רוסלענדישער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי און דעם „בונד”, כדי צו באטייליגען זיך צוזאמען מיט גענ. מארטאוו'ן אין אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע (ניט-קאמוניסטישע) קאנפערענצען: אין דעצעמבער, 1920, אין בערן און אין פעברואר, 1921, אין ווין. די פעסער פון מארטאוו'ן און מיר האט אונזער צענטראל קאמיטעט, וועמענס ווייס-טשערמאן איך בין דעמאלס געווען, אפיציעל און עפענטליך געפאדערט און אויך באקומען פון דער סאוועט רעגירונג (ס'זיינען געווען אנדערע צייטען). די קאפיעס פון דער פאדערונג זיינען געשיקט געווארען צו אלע אויסלענדישע דעלעגאטען פון דעם „דריטען אינטערנאציאנאל”, וואס האט דעמאלס געהאט א קאנגרעס אין מאסקווע, כדי זיי זאלען זעהן, צי מען וועט אונז געבען א פאס צי ניט.

אויף מיין פאס, וואס איז אונטערגעשריבען פון קאראכאן און דריי מאל וויזירט פון דער טשעקא (נומער 862 פון 8טען אויגוסט, 1920), שטעהט אויף זייטעל 8, ביי דער דייטשער וויזע, שווארץ אויף ווייס: „פארט אין אויפטראג פון דעם צענטראל-קאמיטעט פון דער רוסלענדער סאצ.-דעמ. ארבייטער פארטיי”.

2) קיינע שום אויפטראגען פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי אדער פון דער סאוויעט רעגירונג האב איך, פארשטעהט זיך, ניט גענומען און ניט געקאנט נעמען. עטליכע טעג פאר מיין אפפאהרען בין איך געווען ארעסטירט און בין אפגעזעסען א נאכט אין דער טשעקא.

3) קיין שום געלד האב איך פון דער סאוויעט רעגירונג אדער פון דער קאמוניסטישער פארטיי קיינמאל ניט גענומען און ניט געקאנט נעמען. די געלד, מיט וועלכע איך בין געפארען, האב איך, אויסער מיינע פערזענליכע מיטלען, באקומען פון „בונד”.

4) אזוי ווי די סומע איז געווען זעהר קליין, האב איך די איבריגע געלד געמוזט לייהען. דער מענש, וואס האט מיר דאס געלד געליהען און אזוי ארום געמאכט מעגליך מיין אפפארען אין אויסלאנד, איז געווען — מאיסיי אלגין, וואס האט זיך דעמאלס געפונען אין רוסלאנד אין אויפטראג פון אמעריקאנישע צייטונגען און איז געווען מיט מיר זעהר נאהענט באפריינדעט.

צי איז דאס ניט עטוואס מעהר ווי אן איראניע פון שיקזאל, אז דוקא אלגין טרעט איצט ארויס אלס איניציאטאר פון דער שמוציגער און געמיינער פערזענליכער העצע, וואס ווערט געגען מיר געפירט!

עס איז נאך אינטערעסאנט צו באמערקען, אז ניט קוקענדיג אויף דעם שארפען פאליטישען קאמף, וועלכער עס ווערט געפירט צווישען מיין פארטיי און די רוסישע קאמוניסטען — א קאמף, אין וועלכען די קאמוניסטען שטעלען זיך ניט אפ פאר קיין שום פאליטישע באשולדיגונג, רדיפות און בלבולים, — איז נאך אין די אלע יאהרען ביז היינטיגען טאג אין קיין איינציגער פון די אידישע אדער רוסישע קאמוניסטישע צייטונגען אין רוסלאנד ניט געמאכט געווארען קיין שום אטאקע אדער באשולדיגונג געגען מיין פערזענליכער פאליטישער עהרע.

מיט דרך ארץ,
ר. אבראמאוויטש.
דעם 10טען מערץ, 1925.

די שניידער-מייסטער פון דאמען-פריוואט אין ווארשא סטראשען מיט א לאקאוט.

אין דער „פאלקס-צייטונג” פון ווארשא געפינען מיר די פאלגענדע שטיקעל נייעס, וועגען די טראבעלס פון די פריוואט דאמען-שניידער, וואס וועט געוויס אינטערעסירען אונזערע לעזער.

ווי גרויס איז לעצטענס אויסגעוואקסען די חוצפה פון די באלעבאטים, קען אם בעסטען באווייזען די האנדלונג פון די שניידער-מייסטער פון דאמען-פריוואט-פאך. אין דעם פאך, וואס איז איינגאנצען פריי פון אויסלענדישער קאנקורענץ, פארדינט אן ערשט-קלאסיגער קוואליפיצירטער ארבייטער, ביי א שווערען ארבייטס-טאג פון 9 ביז 10 שעה, אין סעזאן-צייט פון 85 ביז 95 זלאטים א וואך (דער פרייז פאר א שטיק ארבייט איז פון 43 ביז 48 זלאטעס, א שנעלער ארבייטער מאכט קוים, ביי 9 שעה ארבייט אין טאג, 2 שטיק א וואך). דער סעזאן דויערט מאקסימום 6 חדשים אין יאהר. דער מייסטער דאגעגען נעמט ביים באשטעלען פאר אזא שטיק ארבייט (אזוי איז געווען ביז לעצטענס) מינימום 120 זלאטעס. טייל יחסנים האבען אפילו גענומען צו 150 זלאטעס. דער פארדינסט פון מייסטער איז נאך מעהר, וויפיל ס'פארדינט ביים שטיקעל ארבייט דער ארבייטער ביי זיין שווערער האראוואניע.

איצט אז די קונים ווילען ניט צאהלען די גרויסע פרייזען, האבען די מייסטער אויפגעהויבען א ויצעקו, אז ס'איז נישט מעגליך פאר זיי צו טרייבען די פראדוקציע, אז די ארבייטער זאלען איינשטימען צו ארבייטען מיט 40 פראצענט ביליגער. א פאמיליען-מענש וועט פארדינען דורכשניטליך דורכ'ן יאהר מאקסימום 30 זלאטעס א וואך.

ווען אויף א געמיינזאמער קאנפערענץ האט זיי אונזערס א דעלעגאציע אנגעוויזען אויף אנדערע וועגען, ביליגער צו מאכען די פראדוקציע, ווי צום ביישפיל, פארגרעסערען די ווערקשטאטען. איינפיהרען וואך-ארבייט, באפרייען די קוואליפיצירטע ארבייטער פון קליינע אומפאראנטווארטליכע טיילען פון דער ארבייט, די מייסטער זאלען באגרענעצען די אייגענע פארדינסטען, האבען זיי דאס קאטעגאריש אפגעווארפען.

די מייסטער ווילען נישט אנדערש, נאר די ארבייטער זאלען פארקלענערען זייער גענוג קארגען לוין.

זעלבסטפארשטענדליך, אז די חוצפה-דיגע אוואנטורע פון די מייסטער האט ארויסגערופען גרויס פארביטערונג צווישען די אזוי אויך גענוג אומצופרידענע ארבייטער. און אויף די פארזאמלונגען, וואס זיינען פארגעקומען וועגען דער פראגע, זיינען אנגענומען געווארען איינשטימיגע באשלוסען דעם אנגעווארפענעם קאמף מצד די מייסטער אויפצונעמען און פיהרען איהם מיט דער גרעסטער אנטשלאסענהייט.

פילאדעלפיער דרעס און ווייסט מאכער יוניאן שטארק און קרעפטיג

(שלוס פון זייט 1).

בעסער צו ארגאניזירען און מען זאל זיך צוגרייטען צו נאך א גרעסערער טעטיגקייט פאר דעם אנקומען פון דעם נעקסטען פאל סיזאן.

דער מיטינג האט דעם באריכט גוטגעהייסען.

סעקרעטאר באראף האט געהאלטען אן אינטערעסאנטע רעדע, וואס האט געדויערט איבער א שטונדע, און דער עולם האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. ער האט געגעבען אן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער יוניאן, האט געשילדערט די אלע העלדישע קאמפען, וואס זי האט דורכגעמאכט, און איז איבערגעגאנגען צו דעם איצטיגען צושטאנד, אין וועלכען זי געפינט זיך. ער האט באגריסט די יוניאן מיט דעם פראגרעס, וואס איז געמאכט געווארען אויפ'ן וועג פון ארגאניזאציאן אין די לעצטע עטליכע מאנאטען, און האט צוגעשטימט צו דער פאליסי פון רייזבערג'ן ווי אזוי די ארבייט זאל ווייטער פארטגעזעצט ווערען.

ער האט פארענדיגט די רעדע מיט אן אפיעל צו די מיטגלידער ווייטער צו העלפען דער יוניאן אין דעם מארש פארווערטס, צו ארגאניזירען דעם גאנצען פאך און איינשטעלען בעסערע ארבייטס-באדינגונגען אין די שעפער. די רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט ענטוזיאזם פון אלע אנוועזענדע.

יוניאן גרייט זיך צו פייערען א 10 יאהריגען יובילעאום

אין דער זעלבער צייט גרייט זיך די יוניאן צו פייערען איר 10-יאהריגען יובילעאום. די דרעס און ווייסט מאכער יוניאן פון פילאדעלפיא האט פריהער געהאט דעם נומ. 15, איצט איז עס לאקאל 50, אבער ס'איז די זעלבע יוניאן און זי רעכענט איר עקזיסטענץ פון דער צייט, ווען דער לאקאל האט זיך פארמעל ארגאניזירט — און דאס איז געווען אין יאהר 1915.

דורך די 10 יאהר צייט האט די יוניאן גאר א סך דורכגעמאכט; און אויף דעם דזשענעראל מעמבער-מיטינג, לעצטען דאנערשטאג, איז באשלאסען געווארען צו פייערען איר 10-יאהריגען יובילעאום אויף א פאסענדען אופן. עס איז ערוועהלט געווארען אן ארענדזשמענטס קאמיטע פון 15, 10 מיטגלידער פון דעם לאקאל און 5 פון דזש. באארד וואס וועט ארגאנזירען די שמחה אויף א פאסיגען אופן. מעהר וועגען דעם וועט שפעטער באקאנט געמאכט ווערען.

דער צוזאמענקונפט פון די סטודענטען און לערער פון אונזערע קורסען.

דער יעהרליכער צוזאמענקונפט פון די סטודענטען און לערער פון דעם אינטערנעישאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט און די יוניטי סענטערס וועט פארקומען שבת אווענט, דעם 28טען מארטש, אין דיינינג רום פון די וואשינגטאן אירווינג האי סקול. עס וועלען זיין רעפרעשמענטס, מוזיק און דענסינג.

איינטריט 35 סענט. די טיקעטס זיינען שוין צו באקומען אין דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט. מאכט גלייך אייער באשטעלונג.

דאלארס אויף פסח

דער בעסטער און ראיעלסטער וועג פאר שיקען ריכטיגע אמעריקאנער דאלארס

— נאך —

כאוויעט רוסלאנד, פוילען, ליטא, לאטוויא

און אנדערע טיילען פון אייראפא

מיר האבען דריי (3) פארשידענע מעטאדען פון אריבערשיקען דאלארס צו די מעהרסטע פון די איבען-דערמאנטע לענדער:

1. שנעל: דורך אן אמעריקאן עקספרעס מאני ארדער, א מערקווירדיג שנעלע סערוויס. די געלט ווערט אויסגעצאהלט אין אונזערע אפיסעס אדער פון אונזערע קארעספאנדענטען אין אויסלאנד לויט בריפליכע אינסטרוקציעס וואס זיי קריגען פון אונז.

2. שנעלער: — דורך ראדיא אדער קייבעל איבער'ן ים קיין לאנדאן, פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען. דאס שפארט איין פון 10 ביז 15 טעג פון דער צייט וואס עס נעהמט געוועהנליך ווען מען שיקט די גאנצע וועג פון אמעריקא דורך פאסט. די ביסעל עקסטרא וואס מען רעכענט פאר דיעזער סערוויס מעהר ווי דורך פאסט (נומער 1) איז בלויז 35 סענט פאר רוסלאנד און 25 סענט פאר אלע אנדערע לענדער צוזאמען מיט 6 סענט פאר יעדען ווארט אין דעם מעסעדזש (סומע, נאמען און אדרעס פון פערזאן וועלכער קריגט די געלד; דאס איז אקוראט ווי די זעלבע סומע וואס מיר אליין צאהלען דער קייבעל אדער ראדיא קאמפאני).

3. אם שנעלסטען: — דורך קייבעל אדער ראדיא די גאנצע וועג ביז דעם לאנד וואו מען דארף די געלד אפגעבען אדער ביז א שכנ'ישען פונקט, פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען.

ארדערס פאר נאך אמאל שיקען געלט אין פוילען

אויב איהר ווילט שיקען נאך געלט צו א פערזאן אין פוילען, צו וועלכען איהר האט שוין איין מאל געשיקט, אפילו דורך דער ערשטער אדער צווייטער מעטאדע, מיט דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני, קאנט איהר עס שיקען דורך א דירעקטער קייבעל אדער ראדיא מעסעדזש-נומער 3 און עס וועט אייך קאסטען בלויז א העלפט פון פרייז.

רעסיטס: אויף אלע געשיקטע סומען, ווען די פערזאן ערהאלט די געלט, דארף ער אונטערשרייבען א רעסיט צו באשטעטיגען, אז ער האט עס ערהאלטען. מיר טוען אלעס מעגליכעס צו קריגען רעסיטס און מיר שיקען זיי צוריק צו אייך דורך דעם זעלבען אפיס פון וואנען איהר האט ארויסגעשיקט די געלט.

AMERICAN EXPRESS CO.

65 BROADWAY, NEW YORK

18 Chatham Square
Open Monday until 8 P. M.
118 West 39th Street

17 West 23rd Street
Corner 5th Avenue
2131 Broadway

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

קורסען און לעקטשורס פון אונזער עדיוק. דעפארטמענט אין פארשידענע טיילען פון שטאדט

אין בראנקס.

פרייטאג, דעם 20טען מארטש, 8 אוהר אבענד, אין לאקאל 2 קלוב־רומס, 1581 וואשינגטאן עוועניו, בראנקס, וועט וו. רײם לעקטשורען איבער „רעליגיאן אין פאבליק סקול“.

זונטאג, דעם 22טען מארטש, 11 אוהר אין דער פריה, אין דעמזעלבען פלאץ וועט דר. יונא גאלדסמאן לעקטשורען איבער „ווי אזוי צו לעבען 24 שטונדען אין א טאג“.

פרייטאג, דעם 27טען מארטש, וועט אין דעמזעלבען פלאץ ש. ניגער לעקטשורען איבער דער פאלגענדער טעמא: „דער פאלקס־כאראקטער פון דער אידיישער ליטעראטור“.

אין הארלעם.

זונטאג, דעם 22טען מארטש, 10:45 אוהר אין דער פרי, אין די קלאוקמייקערס סענטער, 1629 לעקסינגטאן עוו., לעבען 103טע סטריט, וועט מאקס לעווין לעקטשורען איבער „די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט“.

דאון־טאון.

פרייטאג, דעם 20טען מארטש, 8 אוהר אבענד, אין בעטהאווען האל, רום „סי“, וועט מאקס לעווין פאזיטיוו לעקטשורען איבער „די אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט“.

א קאנצערט מיט גרופען־געזאנג אין בראנקס שבת אווענד, דעם 11טען אפריל.

אין אודיטאריום פון פאבליק סקול 61, שארלאט סטריט און קראטאנא פארק איסט, שבת אבענד, דעם 11טען אפריל, וועט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנצערט מיט פאלקס־געזאנג.

דער קאנצערט ווירט אראנזשירט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. איינטריט וועט זיין פריי פאר די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל מיט זייערע פאמיליען. איינצעלהייטען וועלען אנאנסירט ווערען קומענדע וואך.

א. דזש. מאסטי פון ברוקוואוד וועט לעקטשורען אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט.

א. דזש. מאסטי, פון ברוקוואוד קאלעדזש, וועט לעקטשורען איבער „ווארום ארבייטער זאלען שטודירען געשיכטע“, שבת, דעם 21טען מארטש 2:30 אוהר בייטאג, אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט, וואשינגטאן אירווינג האי סקול, רום „סי“.

די לעקטשור וועט זיין העכסט אינטערעסאנט און באלערענד.

אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג היי־סקול.

אירווינג פלייס און 16טע סטריט, ניו יארק.

שבת, דעם 21טען מארטש. — „די ענגלישע און אמעריקאנער ליטעראטור“ — ב. י. סטאלפער.

די וואס באטייליגען זיך אין דעם קורס באקומען א קלארען באגריף פון דער ענגליש־אמעריקאנער ליטעראטור.

שבת, 2.30. — א. י. מוסטע וועט לעקטשורען איבער: „ווארום ארבייטער זאלען שטודירען געשיכטע“.

זונטאג, 10.30 אין דער פריה — ארטור קאלהון וועט לעקטשורען איבער: „פסיכאלאגיע פון דער היינטיגער עקאנאמישער סיסטעם“.

זונטאג, 11.30 — „די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט“. — ה. י. קארמאן.

דאס איז א שטודיום פון דער אנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען לעבען אין אמעריקא און אין יוראפ.

קורסען אין די אינטערנעשאנאל בילדינג.

3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

מיטוואך אווענט, 6.30, דעם 25טען מארטש. — „דער עקאנאמישער באזיס פון דער מאדערנער געזעלשאפט“ — אלעקסאנדער פיטשאנדלער.

די אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס

איסט סייד יוניטי סענטער.

פאבליק סקול 63 — 4טע סטריט, לעבען ערשטע עוועניו, מאנהעטען.

מיטוואך אווענט, 8.45. — „די סאציאלע און עקאנאמישע כוחות אין דער אמעריקאנער געשיכטע“ — א. ל. ווילבערט.

אין דעם קורס ווערען באטראכט די גרויסע אינדוסטריעלע קאמבינאציעס, וועמעס אנטשטעהונג און אנטוויקלונג האבען צוגעגעבען דאס אמעריקאנער לעבען באזונדערע כאראקטעריסטיקס.

ענגליש ווערט געלערענט פאר אנפענגער, אינטערמידיאייט און אדוואנסד. רעדזשיסטרירט זיך גלייך.

עקסטענשאן דיוויזשאן

פרייטאג, דעם 20טען מארטש. — א לעקטשור אין די קלאב רומס פון לאקאל 2, אין 1581 וואשינגטאן עוועניו, בראנקס, איבער דער טעמע: „רעליגיאן און די פאבליק סקולס“. לעקטשורער, טהאמאס רײם.

פרייטאג אווענט, דעם 20טען מארטש. — א לעקטשור ביי דעם רוסיש־פוילישען ברענטש.

זונטאג, 22טען מארטש, 10.30 אין דער פריה. — א לעקטשור אין קלאוקאפערייטארס סענטער פון הארלעם, 1629 לעקסינגטאן עוועניו. מאקס לעווין וועט ריידען איבער: „די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט“.

פרייטאג, 27טען מארטש. — ש. ניגער וועט לעקטשורען אין די קלאב רומס פון לאקאל 2, אין די בראנקס. — גענויערעס נעקסטע וואך.

שבת, דעם 28טען מארטש. — א צוזאמענקונפט פון די סטודענטען און לערער פון אלע אינטערנעשאנאל קלאסען. דאס וועט פארקומען אין דיינינג רום פון דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול. רעפרעשמענטס און דענסינג. איינטריט 35 סענט.

שבת אווענט, דעם 11טען אפריל, — א קאנצערט און גרופען־געזאנג, אין פאבליק סקול 61, שארלאט סט. און קראטאנא פארק איסט. גענויערעס שפעטער.

טיקעטס צו רעדוצירטע פרייזען. — אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט קאנט איהר באקומען א קארד וואס בארעכטיגט אייך צו באקומען טיקעטס פאר די פילהארמאניק קאנצערטען צו רעדוצירטע פרייזען. באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט.

מרדכי ספעקטאר געשטארבען

איינער פון די עלטסטע און חשוב'סטע אידישע שריפטשטעלער, מרדכי ספעקטאר, איז זונטאג 6 אזייגער פארטאג געשטארבען אין מאונט סיני שפיטאל, אין עלטער פון 67 יאהר.

מיט דריי און א האלב יאהר צוריק איז ספעקטאר געקומען קיין אמעריקא, און כאטש ער איז שוין ניט געווען יונג אין יאהרען, האט ער אבער אויסגעזעהן מונטער, געזונט און פול מיט לעבען.

מרדכי ספעקטאר איז געווען איינער פון די באגאבטעסטע אידישע שריפטשטעלער, וואס צייכענען זיך אויס ניט נאר אין ליטעראטור־צווייג. ער האט זיך אויסגעצייכענט אלס ראמאניסט און אלס אזעלכער זיך עדווארבען א נאמען און אלע די, וואס האבען געהאלטען אמאל א אידיש ביבעל, אדער א אידיש בלאט אין האנט, האבען דעם נאמען ספעקטאר געהערט, געלעזען זיינע ראמאנען. ער איז אויך געווען א זשורנאליסט און זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זיינע לענגערע ערצעהלונגען און נאוועלען.

ער האט אויך געשריבען פעליעטאנען, וועלכע זיינען געלייענט געווארען פון דער אינטעליגענץ אזוי גוט ווי פון די ברייטע מאסען. און פונקט ווי ער איז פאפולער געווען פאר זיינע ראמאנען, אזוי איז ער אויך פאפולער געווען פאר זיינע וועכענטליכע פעליעטאנען אין פארשידענע צייטונגען, אונטער וועלכע ער האט זיך געחתמ'עט מיט דעם פסעוודאנים „אמת“.

און פונקט ווי ער האט געשריבען גלאטיק און אידישלאך זיינע ראמאנען, אזוי האט ער אויך זיינע פעליעטאנען און דערצעהלונגען געשריבען.

מעהר פון 45 יאהר האט מרדכי ספעקטאר געהאלטען זיין פען אין האנד און ביי די לעצטע עטליכע וואכען האט ביי איהם דאס חולאת און אצינד — דער טויט די פען פון האנט ארויסגעריסען.

געבוירען געווארען איז מרדכי ספעקטאר דעם 5טען מאי 1858 אין אומאן, קיעווער גובערניע, אין א חסידיש הויז, און ביז די יאהרען 1874 און 1877 האט ער געלערענט אין בית מדרש און ביי פארשידענע חסידישע מלמדים; דערנאך האט ער זיך גענומען צו וועלטליכע למודים.

מיט א יאהר שפעטער (1878) האט ער געוואוינט ביי זיין ברודער אין דער גרויסער און אזוי גערופענער אפיקורס'ישער שטאדט וויניצא, וואו ער האט זיך באקאנט מיט דעם העברעאישען דיכטער אליעזר צבי הכהן צווייפעל, און איהם האט ספעקטאר געוויזען זיינע חבורים אין אידיש. צווייפעל האט איהם צוגערעדט פארטצוזעצען שרייבען אידישע דערצעהלונגען.

אין יאהר 1883 האט ספעקטאר צום ערשטען מאל פארעפענטליכט זיינס א ווערק. דאס איז געווען זיין ראמאן „א ראמאן אהן א נאמען“, געדרוקט אין צעדערבוים'ס אידישע פאלקס בלאט; דערנאך — זיין צווייטען ראמאן „דער אידישער מוזשיק“, וואס ער האט דא אין אמעריקא איבערגעארבייט און געדרוקט אין היינען „טאגעבלאט“, וואו ער איז געווען א מיטארבייטער.

א דאנק דעם דאזיגען ראמאן, וואס האט געהאט א גרויסען ערפאלג און וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט די טענדענצען פון חובת ציון, איז ער ארויסגערופען געווארען קיין פעטראגראד צו ווערען געהילפס־רעדאקטאר פון אידישען פאלקסבלאט. דאן האט ער אפגעדרוקט זיינע אנדערע ראמאנען „עניים ואביונים“, „רב טרייטעל“, „דער שטורמער גומער איד“, „א וועלט מיט קליינע וועלטעלעך“ און א גאנצע רייהע ערצעהלונגען, פעליעטאנען און מאמרים.

שפעטער האט זיך ספעקטאר באזעצט אין ווארשוי און האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען גרויסע זאמעלביכער אונטער'ן נאמען „דער הויז פריינד“, פון וועלכע עס זיינען ערשינען 5 באנדען און אויך צוויי באנדען דער „פאמיליען־פריינד“.

ארום די דאזיגע זאמעלביכער האבען זיך גרופירט די בעסטע אידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט און עס האבען דאן אנגעהויבען ארויסצואוואקסען נייע אידישע שרייבער, וואס האבען א דאנק די דאזיגע זאמעלביכער אנגעהויבען באקאנט און באריהמט צו ווערען צווישען אידישע לעזער און אינטעליגענץ.

צוזאמען מיט י. ל. פרץ האט ער אין 1894 ארויסגעגעבען „די יום טוב בלעטלאך“ און שפעטער ווידער אליין ארויסגעגעבען „די וואכעדיגע בלעטלאך“; צוזאמען מיט ת. ה. הורוויץ האט ער רעדאקטירט די אידישע פאלקסצייטונג און די „פרויען־וועלט“; ער האט אויך רעדאגירט דעם זאמעלבוך „היקף“, די טעגליכע צייטונג אין ווילנע „די צייט“ (1906) און אין יאהר 1907 ארויסגעגעבען אין ווארשע דאס וואכענבלאט „פרייטאג“ און „אונזער לעבען“.

עס איז כמעט ניטא קיין איין גרויסע אידישע צייטונג אין רוסלאנד אדער אין אמעריקא, וואו דער פארשטארבענער שריפטשטעלער זאל נים האבען געשריבען.

ביי זיינע קאלעגען איז ער געווען זעהר באליעבט. ער איז געווען א זעהר ליעבער חבר און א הארציגער פריינד. ער האט זיך צו יעדען באצויגען אזוי ליעב און אזוי חבר'יש, אז מען האט איהם געמוזט ליעב באקומען פון דער ערשטער באגעגעניש.

די לויה איז אראנזשירט געווארען פון דעם י. ל. פרץ שרייבער פאראיין.

דער רעקארד און פובליקיישאן דעפארטמענט

א. ל. ג. ו. יוניאן

פאדערט איך אלע סעקרעטערע פון די אפיליאירטע לאקאלס אריינצושיקען יעדען מאנאט בעפאר דעם 15טען

1. אלע „דיי בוק“ בלעטער וואו זיי שרייבען אין די איינאהמע פון אונזערע מעמבערס.
2. די ספעציעל צוגעגרייטע אינדעקס קארדס פאר יעדען נייעם טראנספערירטען אדער צוריק־אריינגענומענעם מעמבער.
3. א רעפארט מיט אלע איינצעלהייטען וועגען יעדען מיטגליד וואס איז דורך דעם מאנאט געשטראכען געווארען.
4. די נייע אדרעסען וועלכע מעמבערס גיבען אן ווען זיי בייטען זייערע וואוינונגען.

לויט אונזער קאנסטיטושאן קען א לאקאל באשטראפט ווערען פאר פארנאכלעסיגען צוצושטעלען די אויבען־געפאדערטע אינפארמאציע. מיר בעטען דעריבער די באאמטע פון אונזערע יוניאנס צו זיין אבסאלוט פינקטליך.

מיט ברידערליכען גרוס,

H. SCHOOLMAN, Director

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין. פון איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

פייער! פייער!

(צום טרייענגעל יאהרצייט)

פון ל. רודאק

בײַ די ענגע שורות ניי־מאשינען זיי־
נען די מיידלאך געזעסן, אנגעטאן אין
זייערע זייבערע, ווייסע פארטעכער, און
שנעל, שנעל, געשטעפט די ווייסע און קא־
לירטע בלוזקעס. מיט גענייטקייט האבען
זיי צוזאמענגעלעגט איין צוגעשניטענע
טייל צום אנדערן, א לייג אריין אין מא־
שין, און שוין צוזאמענגענייט און א שפא־
גל נייע בלוזקעלע איז ארויסגעקומען.
און מיט זייער אלטעגליכען געריש
האבען די מאשינען געקלאפט, און אנגע־
פיהלט די גרויסע הילצערנע געביידע מיט
זייער טומעל. און געשאקעלט זיך האבען
די צופוילטע ווענט, געציטערט פון גע־
רויש, און פענסטער, ווי אלטע מכשפות
אראפגעקוקט צו די ארבייטארינס.

אין דרויסען האט די זון געשיינט. גע־
נאסען מיט שטראמען ליכטיגקייט און
ווארימקייט, און מיט געוואלד זיך דורכ־
געריסען דורך די פארשמוצטע פענסטער
פון די אלטע געביידע. און דורך די צולע־
כערטע ווענט האט זיך א ווינטעלע, א
פרישינקער דורכגעטראגען און געקילט
דעם צוהיצטען שטערען, און געלאשצעט,
געקושט דעם האלז, דעם נאקען, געטריבען
הין און צוריק די לאקען האר.

זיינען די מיידלאך אויפגעלעגט גע־
ווארען, זייער מרה־שחורה פארשוואונדען,
און פון זייערע העלזער האט זיך א שטי־
לינקער, תמימות'דיגער געזאנג געריסען.
האט זיך זייער שטילער געזאנג אויסגע־
מישט מיט דעם שווערען גערויש פון די
מאשינען. און דאס הארץ איז געוואקסען,
געוואקסען, און געריסען זיך צו דער פריי־
הייט. געלעכצט נאך דעם דרויסען, נאך
די ברייטע פרייע וועלט.

און די פינגער האבען שנעל געאר־
בייט. פיבערהאפט און מעכאניש באוועגט
זיך. געשאפען נאך און נאך בלוזקעלאך,
אויפ'ן גרויסען וועלט־מארק ארויסצושי־
קען; פאר דעם באלעבאס מעהר געלט
אריינצוברענגען.

און די צעהנדליגע מאשינען האבען
צום טאקט צוגעזונגען. זומ־מ־מ, זומ־מ־מ,
זום־מ־מ, זומ־מ־מ, און געדרייט זיך מיט
א ווילדער שנעלקייט, געפאדערט נאך אר־
בייט, נאך יונגע בלוט, וואס איז פון די
פנימ'ער, פון די יונגע גופים, געפלאסען,
דורך די פינגער, אין זיי אריין.
און פלוצלונג —
א ווילד געשריי, א בלוט־פארגליווע־
רענדער, האט דורכגעריסען די מיט
שטויב אנגעפילטע לופט.
— פייער! פייער! —
— פייער! פייער! — האבען צענד־
לינגע שטימען געשריגען.
האבען אלע זיך געגעבען א הויב אויף
און ווי פון ווינט געטראגען געלאפען צו
די טירען, צו די ארויסגאנגען, טרעטענדיג
אויף די ווייסע בלוזקעס, שפרינגענדיג
אויף די קאסטענס, זיך אניאגענדיג און
איבעראגענדיג איינער דעם אנדערען,
וועלגענדיג זיין דער ערשטער צום ארויס־
גאנג.

און ווען זיי האבען די ארויסגאנגען
דערגרייכט זיינען זיי מיט א געשריי צו־
ריקגעשפרונגען, אין טויט־שרעק געלאפע־
און געשטופט זיך אויף צוריק. מיט וויל־
דע קולות גערופען:
— מאמע! מאמע! —
פון די שטימען האט א געדיכטער רויך
זיך געהויבען. שנעל געטראגען זיך הע־
כער, העכער, און געשפארט זיך צום סו־
פיט. דורך לעכער, דורך שפאלטען, אריינגע־
שיקט פריהער א דינינקען רויכעלע, אויס־
קוקען דעם וועג, אנזאגען אז אן אנדערער,
א געדיכטער, א שווערער קומט אן. און
נאכדעם האט ער זיך אליין גענומען שפא־
רען מיט זיין טונקעלען שטיקענדען, פאר־
ניכטענדען קערפער. האט געריסען זיך
מיט א ריזיגע קראפט אינוויינינג. אין גע־
קראכען דורך די שפאלטען, געטאפט די
וואנט און געזוכט א ברייטען אריינגאנג.
זיינען די מיידלאך מיט קולות און
געוואלדען צו די פענסטער געלאפען, גע־
קוקט צו דער גאס, געמאסטען די הויך
די ווייטקייט ביז צום טראטואר, און זיי־
ערע קולות האבען אונטען דערגרייכט,
זייער שרייענדיגער געבעט די הערצער פון
די מענשען געריסען.
און דער רויך שטופט זיך, שטופט זיך
אלץ מעהר און מעהר אינוויינינג. רייסט
זיך אריין און פילט אן דעם שאפ מיט
א זא מין געדיכטע שווארצקייט. שטיקט
און רייסט די האלז. אין מיטען פון איהר
שרייען איז דער רויך ביי איינע אין האלז
אריין און אפגעריסען דעם געשריי. אט
הוסט איינע, א צווייטע. אט כאפט זיך
איינע פאר דער ברוסט. דער רויך שטיקט
איהר, שטיקט איהר, פארפעהלט איהר
דער אטעם. קען זי מעהר ניט שרייען,
רופען.
לויפען זיי ארום איבערען שאפ,
דורכ'ן געדיכטען רויך. שפרינגען און
זייערע כחות, און זוכען א ווינקעלע וואו
זיך אויסצובאהאלטען. דער רויך אבער
טרייבט זיי פון איבעראל. ער האט זיך
שוין אומעטום צולעגט. דורכגעדרונגען
און דורכגעזאפט אלצדינג. זייערע ווייסע
פארטוכלאך, זייערע פנימ'ער, די האלז,
די הארץ, אלץ איז דורכגעזאפט מיט גע־
דיכטען שווארצען רויך. און ער האלט
נאך אין אנקומען. דריקט מיט זיין אונ־
געהויער קראפט, און בלאזט מיט'ן ווא־
רימען, און שמוציגען אטעם גלייך אין די
אויגען, אין די לונגען אריין.
און די געשרייען, די קולות, מישען
זיך אויס מיט'ן רויך. הערען זיך קווי־
טשערייען ווי פון מענשען פון וועלכע מען
רייסט די נעגעל פון די פינגער, ווי מען
ברענט זיי מיט הייסע אייזערנע דראטען.
און פון אנדערשוואו הערט זיך א ברומען
ווי מען וואלט דריקען, קוועטשען א נשמה,
און דעם לעצטען קלאג ארויסציהען. און
פון ווידער אנדערשוואו טראגט זיך א גע־
בעט, א הארציגער, א תפילה צו גאט: —
העלף מיר גאטעניו, ראטעווע מיך. מיין
ארימע מאמעלע, וואו איז זי. —

און דער רויך טוט זיך דאס זייניגע.
פארשטיקט איין האלז נאך דער אנדערער.
שטופט זיך אלץ מעהר און ווערט געדיכ־
טער, איז נישטא מעהר קיין פלאץ פאר
איהם אינווייניג, שפארט ער זיך אויף
ארויס דורך די פענסטער, דורך די לעכער.
מיט אמאל האט אנגעהויבען דורכשיי־
נען עפעס א פארכמארעטע ליכטיגקייט.
קליינינקע פייערדיגע צינגלאך האבען זיך
דערזעהן אין פארשידענע ערטער. האבען
זיך געריסען דורך די ווענט, דורך דער
פארלאגע, און געצויגען זיך אלץ לייגער,
לייגער, האבען דורכגעשניטען די געדיכ־
טע פינסטערניש און באלויכטען קליינע
קרייזלאך ארום זיך. האבען געגלעט די
ווענט און געצויגען זיך אלץ העכער, הע־
כער. אט האט איין צינגעלע אזוי איינ־
געביסען זיך אין א סלופע וואס שפארט
אונטער דעם סופיט, און עסט עס,
גריזשעט עס, נעמט עס ארום אזוי ווי
מיט לאפעלאך, וויקעלט עס ארום און
דראפעט זיך ארויף, ארויף, און דארטען,
אנאנדערע, ציהט זיך, שטרעקט זיך, און
זוכט אנצוכאפען א פארוויכערטע בלוזקע־
לע; שטרעקט זיך אויס און ציהט זיך צו־
ריק, ווי עס וואלט זיך מישב זיין, ניט קע־
נען באשליסען צו עס לוינט זיך, ענדליך
גיט עס א כאפ ביים ברעג, און נאכדעם
קריכט עס ווייטער. און פון די שפרינגט
עס אריבער אין א צווייטע, א דריטע. און
דאן, ווי עס וואלט וועלען איינשפארען
ארבייט, גיט עס א כאפ א פאר צעהנדליג
אויף אמאל און ווערט צוזאקסען מיט
דעם רייכען ביסען, און צושפילט זיך,
בלאזענדיג אין אלע זייטען מיט גדלות,
שלינגענדיג אלץ נאך און נאך.
און אין א שדים־טאנץ זיינען באשע־
פעניש ארומגעשפרונגען. געטריבען
פון די פייערדיגע שלייגלאך, האבען זיי
געיאגט זיך מיט די לעצטע כחות צו אנאנ־
דער זייט. זיינען זיי מאכטלאז געפאלען,
און מיט אלע אנשטרענגונג געקראכען, גע־
דראפעט זיך ערגעץ ניט וויסענדיג וואו.
און אין קאפ האט געטומעלט, געריסען
ווי א ים צורייצט פון א מיליאן שטורעם
ווינטען, און די אברים האבען געברענט,
געטריקענט, די בלוט געקאכט, געזאטען
געריסען זיך צום קאפ. און קריכענדיג
האבען זיי באגעגענט אנדערע רויכע
טייוואלימלאך, אנדערע בעלי־מחבלימ־
לאך, וואס האבען געברענט די הויט,
געסמאליעט די האר.
די שלייגעלאך זיינען אלע ווייטע־
געווארען אלץ ברייטער, ברייטער, און
געשלונגען אלץ מעהר. האבען געביגען
זייערע קעפ, געדרייט זיך, געצאפעלט
זיך, געוואקסען אין דער לייגג, אין דער
ברייט, און געצויגען זיך איינע צו די
אנדערע. גראטולירט זיך מיט זייער
העלישען אויפטו מיט זייער לייכטען זיג,
און געזוכט זיך אפצוגעבען שלום עליכם,
באהעפטען זיך, און טאן די ארבייט צו־
זאמען.
און האבען צוויי זיילען זיך באהעפט
אין איין גרויסען זייל, זיינען זיי פריי־
לאך געווארען, האבען צוזאמען געטאנצט
זייער טויטען־טאנץ און געקנאקט, גע־
ברומט פון שמחה, געשפריצט מיט פונ־
קען, געווארפען פייערדיגע פונקען פון
זיך, און מיט זייער טריאומפירענדע
פריידענגעשריי האבען זיי פארשריען
דעם שוואכען קרעכצען פון די פאר־
הלש'טע נפשות, וואס האבען זיך גע־
בראטען פאר זיין סעודה.
וואס מעהר איינצעלנע זיילען האבען
זיך באפעסט צוזאמען אלס מעהר האט
עס געטריבען די לעבעדיגע וועזנס,
אלץ איינגער געמאכט זיי, אלץ מעהר
פארצאמט דעם וועג, אלץ שטארקער גע־
ברענט זיי, געטריסענט זיי. אלץ מיט
מעהר קראפט געזוכט זיי אריינצוכאפען
אין זיין נעץ. אט האט עס א גלעט
געטאן ביי איינע די האר, איז דער קאפ
באלד באגאסען געווארען מיט א רוי־
קייט. איז זי מיט א קוויטש — דעם
לעצטען קוויטש — געפאלען צו דער
ערד. און די רויטקייט האט זיך צוגא־
סען איבער דעם גאנצען קערפער, איז
איינגעוויקעלט איז עס געווארען אין א
פייערדיגען קיטאך, וואס האט זיך גע־
הויבען אין דער הויך און געפאכעט ווי
מיט צוויי פליגלען.

ביי א צווייטע האט עס א גראבע
געטאן די בלוזקע, און דער פלאם האט
שוין אין איין גאנג איינגעביסען זיך
אין דער ברוסט, האט זי מיט א משוגע־
דיגען כארכעל א שפרונג געטאן אויף
צוריק און איז פארשלונגען געווארע־
אין א צווייטען ים פייער, און דארטען
האט עס א כאפ געטאן א צוזאמענגע־
דרייטען קערפער וואס ווערט זיך ניט.
איז פארשטיקט פון רויך. האט עס
געברענט, געווארען א טייל פון פלאם,
און געהאלפען כאפען און פארניכטען
אנדערע.

מאנכע האבען זיך צו די פענסטער
דערשלאגען, און דורכ'ן געדיכטען,
שווארצען רויך ארונטערגעשריען, צו
הילף גערופען. האט מען אונטען נעצען
אויסגעשפרייט, און מיט קישענס דעם
טראטואר אויסגעבעט. און מיט פא־
ריסענע קעפ ארויפגעקוקט און געווארט
זיי זאלען שפרינגען.

געטריבען פון די וואלקענס רויך
און די פייערדיגע צונגען, זיינען זיי
דורך די פענסטער געקראכען. ארויס־
געהאנגען זייערע קערפערס אין דרויסען,
און געטאנצט, געוואלט מיט די פיס אין
דער לופטען.

— זו—או—או—פ — האט עס
דורכגעשניטען דורך דער לופט, און א
קלאפ אן הארטען שטיין האט אפגע־
הילכט. א קאפ איז צושמעטערט גע־
ווארען. און ווען די ארומיגע האבען
אויפגעהויבען די צודרייטע, צוקרימטע
און צוהאקטע פארמע, וואס איז ניט
לאנג צוריק געווען א געשטאלט איז
ניט געווען צו דערקענען. איבעראל איז
די פלייש געווען צוריסען, און בלוט
האט געטריפט, גרויסע שווערע טרא־
פענס, וואס האט זיך אויסגעמיישט מיט
אזא ווייסע, געדיכטע מאטעריע — דער
מארך פון קאפ.

נאך א קערפער איז ארונטער. און
געבליבען איז עס ליגען אומבאוועגליך,
צונעפליאטשקעט צום צעמענט, א שטיק
בויך ארויסגעריסען, און די פיס אין
שטיקער, ווי שערבלאך צובראכען.

א שרעק איז געפאלען אויף אלעמען.
א שוידער, וואס האט געקיהלט און
פארגליווערט די בלוטען, און פון א
מחנה העלזער האט זיך ארויסגעריסען
א געשריי.
— שפרינגט ניט!
דער רויך אבער האט דעם קאפ
פארטשאדעט, און ביסלאכווייז אפגע־
טויט דעם באוואוסטזיין. דער געהירן
צענטער האט פארלארען די קאנטראל
איבער די הענט, האבען די הענט נאכ־
געלאזען די פארענטשע פון פענסטער,
און קערפערס, איינע נאך די אנדערע,
זיינען געפלויגען. געשניטען זיך דורך
דער לופטען, און געפאלען ווי קלעצער
אויף דער שטיינערנער ערד זיך מעהר
ניט אויפצוהויבען.

נאך און נאך קעפ האבען זיך גע־
וויזען פון די פענסטער דורך דעם
שווארצען רויך, קעפ פון די וואס הא־
בען זיך דורך דעם העלישען פייער
דורכגעריסען אין אהער געקומען. ווייל
געווען איז עס די איינציגע רעטונג פון
פאר'שרפה'ט צו ווערען. איז כאטש
שטארבען שנעל, גע'הרגעט ווערען ניט
אמאל אויף דער פרייער לופט. זאל
כאטש זיין עפעס צו באגראבען. וועלען
טאטע מאמע, שוועסטער און ברידער
קענען קומען אפשייד נעמען, און שפע־
טער דעם קבר באזוכען, א טרער לאזען.

און דער רויך דארט אינווייניג האט
זיי געטריבען. ניט געגעבען קיין צייט
צו קלערען, צו איבערלייגען זיך. עס
האט געלאשצעט מיט זיין ברענענדיגע
לאפע. געריסען די קליידער, די פלייש,
געזויגען די זאפט פון די אדערען. און
האט ער איינעם אנגעכאפט, האט ער
שוין ניט אפגעלאזען. האט יענעם אריינ־
גענומען אין זיינע פייערדיגע ארעמס,
זיך ארומגעוויקעלט ארום איהם, און
געפרעסען דעם קאפ, דעם בויך, די
גערערים, שווארץ געמאכט די ביינער,
געמאכט דערפון קויל.

די אלטע פייער צופוילטע און איצ־
טער צוברענטע געביידע האט זיך געבוי־
גען שאקלען. דער פייער האט אויס־
געפרעסען איהרע פיס, און ביסלאכווייז
האט די אנגעפאנגען זינקען אויף אינג־
טער. אט איז אין איין פראל איינ־
געפאלען א סלופ, וואס האט אונטער־
געשפארט דעם סופיט. און נאך א
פראל האט די פאדלאגע זיך ארונטער־
געלאזען און מיטגעשלעפט עפעס אזא
שווארצע זאך. און פאלענדיג האט די
שווארצע זאך צוריקגעקראכען א מייל
פון איהר אומבאוואוסטזיניג בא־
וואוסטזיין, און אזוי ווי אין א שווע־
רען, געבערדיגען חלום, געפיהלט ווי עס
פליהט, פליהט ערגעץ אין א טיפע פינ־
סטערניש, אין אן אפגרונד, וואס איז אן
א שיער טיעף. און לאנג, לאנג גע־
דויערט דאס פליהען. און אויפ'ן וועג
באגעגענט עס געדיכטע שווערע וואל־
קענס דורך וועלכע שדים טאנצען. און
שווארצע ראבען פיקען דאס פלייש מיט
זייערע לאנגע שנאבלען, און קלאפען
מיט די שווארצע ריזיגע פליגלען. און
ווען עס האט ענדליך דעם טיפען אפ־
גרונט דערגרייכט, איז א שווערע מאסע,
אזוי ווי א האמער, אויף דעם ארויפ־
געפאלען, און געדריקט, געדריקט, נאכ־
[illegible] עס איינגעשלאפען אין א רו־
היגען זיסען שלאף.

לאנג און שווער האבען די פייער־
לייט געארבייט דעם ווילדען פלאקער
איינצושטילען. און מיט מסירות־נפש
זיינען זיי געקראכען אין פייער, די קער־
פער, כאטש צוברענטע, ארויסצושלע־
פען. און ווען ענדליך די געביידע איז
אין חורבות געלעגען, און דער ברענגע־
דער מלאך־המות האט, נאך די מענשען־
סעודה, געצאנקט, זיינען זיי צווישען די
הויפענס הייסע האלץ און אייזענס גע־
קראכען און געשלעפט פון דארטען פאר־
ברענטע פלייש, און הויפענס ביינער און
אין רייען געלייגט זיי אויפ'ן שטיינער־
נעם טראטואר.

טויט און פארוויסטונג זיינען אין
די חורבות געלעגען. א וועלטעלע, א
קליינע איז געלעגען פארניכטעט, צושטע־
דינט, צו'מזיק'ט, מיט סמנים פון שרעק־
לאכע יסורים, פון גוואלדיגען ווייטאג,
פון גיהנם'יגע מאטערנישען.

אט ליגט איין קערפער. דער אונ־
טערשטער טייל צוברענט אויף קויל,
און דער אויבערשטער טייל ליגט אין א
לוזשע שמוציגע וואסער. דארטען ליגט
א קערפער, נאך כמעט א גאנצער. דער
קאפ נאר אביסעל צוגעברענט. און אי־
בער'ן רויך ליגט א שווערער קלאץ.
מיט עטליכע מיתות געשטארבען. פאר־
ברענט געווארען, דערשטיקט געווארען,
דערטרונקען געווארען, דער'הרג'עט גע־
ווארען און פארשטיינערט געווארען. אין
נאך א פלאץ ליגט א הויפען, קוילען
אויסגעמישט מיט צוברענטע ברעטער,
און פון די ביינער דערקענט מען עס
איז פון א מענשליכען וועזען. און וואס
איז דאס? צוויי ליגען פעסט ארומ־
גענומען און די קערפערס פול מיט
וואונדען, שטיקערווייז צוברענט. נאר
די פנים'ער זיינען געבליבען גאנץ. מען
דערקענט זיי. פריינדינעס געווען. און
דארטען? גאט אין הימעל! א גאנ־
צער בארג מיט פארשטיקטע און צו־
ברענטע קערפערס ליגען איינע אויף די
אנדערע אין איין גרויסען גנויל. מאנ־
כע אינגאנצען פאר'שרפה'ט, אנדערע
אביסעל צוברענט, ווידער אנדערע גלאט
דערשטיקט פון רויך. אין איין קופע
ליגען זיי. געארבייט צוזאמען, פאר־
ברענט געווארען צוזאמען.

האט מען אלע אויסגעלייגט אין
רייען, און א שוידער האט אלעמען
ארומגעכאפט. געוואלד! געוואלד!
וואס איז דא געווען? אן ערד־ציטער־
ניש? האט א שטיק וועלט זיך אנגע־
צונדען? אזוי פיעל קרבנות! איינס,
צוויי, פינף, צעהן, פופציג, הונדערט...
געוואלד! געוואלד! אהן א צאהל.

די נייעס האט זיך שנעל איבער'ן
שטאדט צוטראגען און פון אלע עקען
זיינען מאמעס געקומען דערקענען זייע־
רע טעכטער, די קרבנות פון די טיי־
וועלשע ארבייט, און פארציטערט זיינען
זיי געווארען ווען זיי האבען דעם גרוי־
סען שטח מיט הרוגים געזעהן. איינע
מאמע האט איהר קינד געזעהן. דער־
קענט עס אן א שטיקעל פנים, וואס
איז פארבליבען. נאך א מאמע האט
איהר קינד דורך א קנעפעל דערקענט,
דאס איז דאך דער קנעפעל, וואס זי
האט ערשט נעכטען ביינאכט אין איהר
טעכטעריל'ס קליידעל איינגענייט. א
דריטע מאמע האט געפונען א דימענ־
טענעם רינגעלע נאכהענגענדיג אויף א
פארברענטען ביינדעל, און געוואוסט אז
זי האט שוין ניט קיין קינד. דאס איז
דאך דער רינגעל וואס איהר חתן האט
איהר ניט לאנג א מתנה געגעבען. און
דארטען געהט, ניין, לויפט, נאך א מא־
מע און זוכט. האפט איהר קינד איז
דא ניטא. אפשר לעבט זי, אפשר איז
זי ערגעץ. פלוצלונג דערזעהט זי איהר
קינד ליגען צווישען די נשרפים. דאכט
זיך א גאנצע, ניט פארברענט. מיינט
זי עס לעבט נאך. פאלט זי צו דער
צו מיט א פריידענס־געשריי און קושט
עס, וועקט עס — קינד מיינס! קינד

(שלוס אויף זייט 15)

פערלשטיינ׳ס באריכט צו די מעמבערס פון קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2

(פארגעלעזען אויף א גענעראל מעמבער מיטינג, שבת, 14טען מארטש, 1925.)

ברידער!

זייענדיג מיט אייך איינינע מאנאטען אלס דער מענעדזשער פון אייער לאקאל און איצט, ווען איך ציה זיך צוריק אלס דירעקטער מענעדזשער, פרייט מיך פאר אייך פארצולייגען דיזען באריכט. דער באריכט ענטהאלט די וויכטיגסטע ארבייט, וואס איז געטאן געווארען אין לאקאל פאר די איינינע מאנאטען, וואס איך האב געהאט די עהרע צו זיין דער מענעדזשער, און אויך, וואס איך דיינק, די קלאוק אפערייטארס יוניאן דארף טאן, כדי צו פארזיכערען די גרויסע מיטגלידערשאפט פון דעם לאקאל מיט א בעסערען און שעהנערען לעבען און פארשטארקערען און פארשעהנערען דיזע גרויסע ארגאניזאציע פון קלאוק אפערייטארס.

ביי מיין אריינקומען אין לאקאל האב איך געפונען די לאגע ניט זעהר קיין גינסטיגע. דער סלעק אין טרייד איז געווען געוואלדיג. הונדערטער און טויזענטער פון אונזערע מעמבערס זיינען ארומגעגאנגען ליידיג, ניט האבענדיג די מעגליכקייט צו פארדינען אויף זייערע נויטווענדיגסטע בארערפנישען; און טויזענטער פון אונזערע מעמבערס, וועלכע האבען געהאט, אזוי צו זאגען, דזשאבס, האבען אויף די דזשאבס ניט נאר ניט געקאנט מאכען א לעבען פאר זייערע פאמיליען, נאר האבען ניט געהאט גענוג פאר די נויטיגע אויסגאבען צו קומען אין שאפ פרעגען, צי עס איז דא א האלבער טאג ארבייט אדער ניט.

די אלגעמיינע לאגע צווישען די מעמבערס אין דער יוניאן איז אויך ניט געווען קיין אנגענעמע. די רייסערייען האבען דערגרייכט אזא שטופע, אז אויף מיר ספעציעל, וועלכער איז פאר א לאנגער צייט געווען אוועק פון ניו יארק, האט דיזע לאגע, די אינערליכע רייסערייען אין לאקאל, געמאכט א שוידערליכען איינדרוק. מעמבערס, וועלכע האבען געדארפט ארבייטען איינע מיט די אנדערע, זיינען צוליב פארשידענע אורזאכען געווארען שונאים איינע די אנדערע, און דער מיטינג פלאץ פון דער יוניאן איז געווארען דער פלאץ, וואו, אנשטאט צו טאן עטוואס פאר דער גרויסער מיטגלידערשאפט, איז מען געקומען זיך אפרעכענען איינע מיט די אנדערע. גערעכט אדער אומגערעכט — מען האט געזוכט חסרונות פון אונטער דר׳ערד, כדי ארויסצושטעלען איינע די אנדערע אין דער ערגסטער ליכט.

די פראגע ווענען די דיוס איז אויך געווען איינע פון די אנגעוועהטאגסטע פראגען, וועלכע האט געהאלפען אריינברייננען נאך א גרעסערע צומישעניש אין די רייהען פון דער גרויסער מעמבערשיפ. און, געוועהנליך, האט דאס נאך געמאכט די לאגע ערגער. דער שאפ, די טרייד, די לאגע פון דעם מעמבער אין שאפ, — אט ווענען די אלע זאכען האט מען נאך גערעדט אין אן אבסטראקטען וועג. צוליב די רייסערייען האט מען כמעט איינגאנצען פארגעסען די גרונד-אורזאכע, צוליב וועלכער די יוניאן איז געבויט געווארען און עקזיסטירט. די מעמבערס אין דעם לאקאל, וועלכע האבען געקוקט אויף דער לאגע פון א ברייטערען שטאנדפונקט, האבען גארניט געקענט טאן צו ענדיגען די דעמאראליזאציע, וועלכע האט עקזיסטירט.

צוליב אט דער לאגע האט דער לאקאל ניט געקענט פארנעמען דעם פלאץ, וועלכען ער האט געדארפט פארנעמען אין דעם לעבען פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע, כאטש דער אפערייטאר איז זיכער איינער פון די נאר וויכטיגסטע פאקטארען אין דעם לעבען פון דער ארגאניזאציע. די אפערייטארס, וועלכע זיינען די גרעסטע צאל פון טעקס-צאלער אין דער קלאוקמאכער יוניאן; די אפערייטארס, וועלכע שטעלען צו די מערסטע טשערלייטע אין די שעפער; דער אפערייטאר, וועלכער איז די נשמה פון דער יוניאן — האט אין דיזער יוניאן ניט פארנומען דעם פלאץ, וועלכען ער האט געדארפט און מוז פארנעמען. דאס איז א פאקט. און נאך מיין מיינונג, ליגט די שולד אין דעם, וואס די ארגאניזאציע פון די אפערייטארס האט זיך געפונען אין א דעמאראליזירטען צושטאנד; און די אנדערע לאקאלס, זעהענדיג די לאגע אין די רייהען פון די אפערייטארס, האבען ניט געקענט דערלאזען, אז דער אפערייטאר זאל פארנעמען דעם פלאץ, וועלכען זיי אליין בערקענען, אז אים קומט, כדי אבי די דעמאראליזאציע זאל ניט אריינקומען אין זייערע איינענע רייהען.

דערצו איז צוגעקומען די אמאלנע-מירונג פון די דריי לאקאלס: 1, 11 און 17 אין דעם איצטיגען לאקאל 2. די גרעסטע צאל מעמבערס פון לאקאל 17 און די גרעסטע צאל מעמבערס פון לאקאל 11 האבען, צוליב געוויסע אומשטענדען, וועלכע האבען עקזיסטירט, באמת ניט באגריפען די נויטווענדיגקייט פון האבען אן אפערייטארס יוניאן אין ניו יארק. די יעניגע, וועלכע האבען יא פארשטאנען די נויטווענדיגקייט דערפון, זיינען געווען די מעמבערס פון געוועזענעם לאקאל 1, וועלכע האבען אנגעפירט א קאמף פאר יארען און יארען, ביז דער קאמף איז ענדליך געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנייצאנאל האט איינגעזעהן, אז דיזע אפעראציע מוז אמ׳שנעלסטע געמאכט ווערען. און דיזער לאקאל דארף זיכער דאנקבאר זיין צו די ברידער ליזוי, נאכלין און די אנדערע מעמבערס פון דער געוועזענער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1, וועלכע האבען אויסגענוצט דעם פסיכאלאגישען מאמענט פארצוברייננען די פראגע, און אין דעם וועג, ווי זיי האבען דאס פארגעבראכט פאר דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איינזעהענדיג די נויטווענדיגקייט פון רעארגאניזירען די קרעפטען פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק, האט גענומען די נויטיגע שריט און האט מיך אפוינטעט דורכצופירען דעם באשלוס. איצט, ווען דער באשלוס איז שוין דורכגעפירט געווארען, מעגען מיר זיך אלע גראטולירען מיט דעם פאקט, וואס ענדליך האבען מיר איין גרויסען, מעכטיגען אפערייטארס לאקאל, וועלכער באשטעהט פון אלע אפערייטארס פון ניו יארק.

אין דיזען מאמענט, ווען די פאראייניגונג פון די לאקאלס איז שוין דורכגעפירט געווארען, וויל איך אויך זאגען, אז עס איז ניט געווען קיין לייכט שטיקעל ארבייט דעם באשלוס דורכצופירען אין לעבען; נאך דערצו, ווען דער באשלוס האט געמוזט דורכגעפירט ווערען שנעל. ווייל וואלט דאס ניט געטאן געווארען אזוי שנעל און מיט אזא אימפעט, און וואלט די דורכפירונג פון דעם באשלוס עטוואס פארצויגען געווארען, וואלט דאס זיכער איננאנצען קיינמאל ניט דורכגעפירט געווארען.

די שוועריגקייט פון דורכפירען דעם באשלוס איז ניט נאר געלעגען אין דעם פאקט, וואס א צאל מעמבערס פון לאקאל 17 האבען ביטער געקעמפט, אז דער באשלוס זאל ניט דורכגעפירט ווערען, נאר אויך אין דעם פאקט, וואס אין דעם פאל האט מען זיך געמוזט קריגען, און עס איז געקומען ביז א געוויסען גראד צו בלוט-פארגיסונג. אויסער די קערפערליכע ליידען, זיינען די גייסטיגע ליידען פון די יעניגע, וועלכע האבען געדארפט דעם באשלוס דורכפירען, געווען שרעקליכע דערפאר, ווייל מען האט זיך געמוזט קריגען און שלאגען מיט מענשען, מיט וועלכע מען איז געווען אין פערזענליכע און ארגאניזאציאנס-באציהונגען די בעסטע פריינד פאר יארען און יארען. מיר האבען געוואוסט, אז ווען א דאקטאר מאכט אן אפעראציע אפילו אויף זיין איינען קינד, טאר זיך זיין האנד ניט טרייסלען, אויב ניט, איז דער פאציענט אין געפאר מיט זיין לעבען. און דערפאר טאקע איז די אפעראציע דורכגעפירט געווארען מיט אזא שטארקקייט און אימפעט, און דער פאציענט איז פאלקאם געזונט געווארען. און מיר קענען איצט אנצייגען מיט שטאלץ, אז די קלאוק אפערייטארס פון ניו יארק זיינען איצט און וועלען אויך אין דער צוקונפט זיין מעהר פאראייניגט, מעהר קאמפס-לוסטיג צו פארבעסערען און פארשעהנערען דאס לעבען ניט נאר פון זייערע איינענע מיטגלידער, נאר אויך פון די מיטגלידער פון דער גאנצער קלאוקמאכער יוניאן, און וועלען זיכער נעמען א וויכטיגען אנטייל צו פארבעסערען און פארשטארקערען די ארבייטער-באוועגונג אין אלגעמיין.

מיט דעם אנפאנג פון דורכפירען דעם באשלוס פון די דריי לאקאלס, האט געדארפט אויך אנגעפאנגען ווערען די ארבייט פון שטעלען די יוניאן אויף א באזיס, וואו די גרויסע מיטגלידערשאפט זאל אנטייל נעמען און מיטארבייטען צו מאכען זייער ארגאניזאציע פאר דער קאמפס-מאשין, וואס זי דארף זיין. די לאגע אין לאקאל איז געווען אזעלכע, אז די גרויסע מאסע מיטגלידער זיינען געווען פאסיוו, און די ארבייט איז געטאן געווארען פון א פאר הונדערט מעמבערס, וועלכע האבען באמת, אנשטאט צו טאן ארבייט, זיך ארומגעריסען איינע מיט די אנדערע. אום צו ברייננען די גרויסע מיטגלידערשאפט און זיי מאכען צו באגרייפען די נויטווענדיגקייט פון אנטייל נעמען אין דער ארבייט פון דער ארגאניזאציע, האבען מיר געמוזט אנגעמען אויסערגעוועהנליכע מיטלען. די דעמאראליזאציע איז געווען אזוי גרויס, אז אפיעלס האבען שוין מעהר ניט געהאלפען, און געוויסע מאראלישע צוואנגס-מעטאדען האבען דערפאר געמוזט אנגענומען ווערען. 11 סעקשאן מיטינגען זיינען דארום ארגאניזירט געווארען, און יעדער מעמבער פון דער יוניאן איז געצוואונגען געווארען צו באזוכען אמווייניגסטענס איין סעקשאן מיטינג א מאנאט, אויב ניט, דארף ער באצאלען א דאלאר שטראף. פון אנפאנג האבען א גוטע צאל פון אקטיווע מיטגלידער געלאכט פון אזעלכע מיטלען. אבער עס האט ניט גענומען לאנג, ווען זיי האבען איינגעזעהן, אז דיזער אויפטו וועט אין א קורץ שטיקעל צייט ברענגען די געוואונשטע רעזולטאטען.

עס איז אמת, אז די סעקשאן-מיטינגען ווערען נאך ניט דורכגעפירט אויף דעם וועג, ווי זיי האבען געדארפט דורכגעפירט ווערען, צוליב דעם, ווייל א גרויסע צאל מיטגלידער, וועלכע באלאנגען שוין אין דער יוניאן פאר די לעצטע צען, צוועלף יאהר, האבען קיינמאל ניט באזוכט די מיטינגען און ווייסען ניט, ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירען אויף יוניאן-מיטינגען. ווען זיי קומען שוין, איילען זיי זיך אפצושטעמפלען זייערע ביכלעך און אוועקצוגעהן. און אויב זיי זיצען שוין, פירען זיי זיך ניט אויף, ווי עס דארף צו זיין. דאס, אייגענטליך, איז די טראגישע זייט פון אונזער ארגאניזאציע פאר אזוי פיל יארען; און אויב דורך דיזער צייט האבען מיר ניט געקענט אויסלערנען אונזערע מעמבערס, אז זיי דארפען אטענדען מיטינגען, און אויך אז זיי זאלען וויסען, ווי אזוי זיך צו פירען אויף די מיטינגען, — איז עס ניט די שולד פון די מעמבערס, נאר אונזער אלעמענס שולד. און אויב מיר האבען דאס פארנאכלעסיגט ביז איצט, מוזען מיר דאס אבער, אונטער אלע אומשטענדען, טאן איצט, און מיט דעם, וואס דער מעמבער וועט געבראכט צו די מיטינגען, וועט ער זיך איינגעוואוינען צו קומען און ביסלעכווייז אויסלערנען זיך ווי צו האלטען אויף א מיטינג; און ביסלעכווייז זיך אויך פאראינטערעסירען אנטייל צו נעמען אין דער ארבייט פון דער ארגאניזאציע. און איך בין זיכער, אז אין משך פון א גאנץ קורצער צייט קען דיזע ארגאניזאציע געמאכט ווערען אלס א מאדעל פון אינטעליגענץ אין דער פירערשאפט פון אירע מיטגלידער. דארום מוז דיזער דורכפיר אנגעהאלטען און שטרענג אפגעהיט ווערען.

דורך די לעצטע פאר מאנאטען האבען פון 8 ביז 9 טויזענט מיטגלידער באזוכט יעדען מאנאט די סעקשאן-מיטינגען. עטוואס האבען זיי געלערענט. און אויב די פאליסי וועט אנגעהאלטען ווערען, וועלען זיי זיכער לערנען מעהר אין דער צוקונפט. און דאס וועט מיינען א בעסערע יוניאן און בעסערע רעזולטאטען פאר׳ן טרייד און פאר די מעמבערס אין די שעפער.

צווייטענס, עס איז געווארען א מנהג אין אונזער יוניאן, אז די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל האט זיך אנגעפאנגען פארגעסען, אז אין איר ארבייט איז זי פאראנטווארטליך צו די מיטגלידער, וועלכע האבען איר ערוועהלט, און אז אלעס, וואס זי טוט, און די געלדער, וואס זי ספענט, דארף פארגעבראכט ווערען פאר די מיטגלידער פאר גוטהייסונג. אין געוויסע פעלע האבען זיך די פריהערדיגע עקזעקוטיוו באארדס באטראכט אלס די ארגאניזאציע, און האבען געטאן, וואס זיי האבען געדענקט, עס איז נויטיג, פארגעסענדיג, אז אלעס, וואס זיי טוען, מוז פארגעבראכט ווערען פאר די מיטגלידער. דארום איז א רעארגאניזאציע אין דיזער הינזיכט געמאכט געווארען, אז אלעס, וואס די עקזעקוטיוו באארד טוט, יעדער סענט, וואס די עקזעקוטיוו באארד גיט אויס, מוז געבראכט ווערען צו דער גרויסער מיטגלידערשאפט, וועלכע מוז דאס פריהער גוטהייסען, אום די עקזעקוטיוו באארד זאל דאס קענען טאן. די מיינונג פון די פריהערדיגע עקזעקוטיוו באארדס, אז געוויסע זאכען דארפען זיי פארברייננען פאר די מיטגלידער און אנדערע זאכען דארפען זיי ניט פארברייננען, איז זעהר א פאלשע. יעדע זאך, וואס די עקזעקוטיוו באארד טוט, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער זאך, מוז פארגעבראכט ווערען פאר די מיטגלידער, און די עקזעקוטיוו באארד האט קיין רעכט צו באשליסען, אז געוויסע זאכען זאלען פאר די מיטגלידער ניט פארגעבראכט ווערען. אלעס, וואס זי טוט, אין באצוג צו טרייד-פראגען, ארגאניזאציאנס-פראגען און געלט-פראגען, און אלעס, מיט וואס זי פארנעמט זיך, און יעדער באשלוס, וואס ווערט געמאכט, און יעדע זאך, וואס ווערט דיסקוטירט, — מוז זיין אן אפענער בוך פאר די מעמבערס און מוז רעקארדעט און פארגעבראכט ווערען אויף אן ארגאניזאציאנס-מעסיגען וועג.

דריטענס — דזשענעראל מעמבער-מיטינגען: צוזאמענרופען די אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאן צו דזשענעראל מיטינגען, זיך צוזאמענרעדען איבער די וויכטיגסטע פראגען, וואס קומען פאר, — איז א נויטווענדיגקייט און דאס איז געטאן געווארען לעצטענס רעגעלמעסיג. גוט אדער שלעכט, צי די יוניאן געווינט אדער פארלירט — די מעמבערס מוזען דערפון וויסען און זיי מוזען האבען די געלעגענהייט זיך צוזאמענצורעדען און באשליסען ווענען די פראגען. ווייל אויב געוואונען, האבען זיי געוואונען; אויב פארלארען, האבען זיי פארלארען. עס איז זייער יוניאן, עס איז זייער ארבייט, עס דארף פון זיי געטאן ווערען, עס דארף פון זיי גוטגעהייסען אדער צוריקגעוויזען ווערען.

און איך בין צופרידען צו זאגען, אז אונזערע דזשענעראל מעמבער-מיטינגען, אנפאנגענדיג מיט דעם ערשטען דזשענעראל מעמבער-מיטינג אין קופער-יוניאן, ביז דעם לעצטען דזשענעראל מעמבער-מיטינג, האבען באוויזען אן אונטערשיד, וועלכען יעדער איינער האט געזעהן, אין דער האלטונג פון אונזערע מעמבערס. דורך די סעקשאן-מיטינגען, דורך די דזשענעראל מעמבער-מיטינגען האט די פירערשאפט פון דער יוניאן זיך געקענט צוזאמענריידען מיט די מעמבערס. מען האט זיך אנגעפאנגען אביסעל בעסער צו פארשטעהן, און אנשטאט דעם ביטערען מיסטרויען, וואס האט עקזיסטירט, האט מען ביסלעכווייז אנגעפאנגען צו האבען צוטרויען, און מען קען איצט אנפאנגען צו טאן די נויטיגע ארבייט. און דארום מוז די אינסטיטוציע פון אפטע דזשענעראל מעמבער-מיטינגען אנגעהאלטען ווערען אין דער צוקונפט. אבער איין זאך מוז מען האבען אין זינען, און דאס איז, אז ווען עס קומט צו גרונד פרינציפיעלע פראגען, צו וויכטיגע פראגען, מוז געגעבען ווערען דער גרויסער מיטגלידערשאפט דאס רעכט, וועלכע איז זייערע, צו באשטימען זייער איינענעם שיקזאל.

די פראגע פון עקאנאמיע אין דער יוניאן האט געמוזט אויפגענומען ווערען. פון איין זייט האבען די מעמבערס געשריען געגען דער העכערונג פון דיוס; פון דער אנדערער זייט איז די לאגע געווען אזא, אז אפילו מיט די געהעכערטע דיוס האט די יוניאן ניט געקענט אנגעהן מיט איהר ארבייט. אונזער ארבייט איז אויך דארום געווען גלייך צו שניידען די עקספענסעס. מיר האבען געטאן אונזער בעסט צו שניידען די עקספענסעס פון לאקאל. מיר האבען אנגעהויבען לעבען מיט א רעכנונג. עס האט געקאסט איינינע טויזענט דאלאר דאס איבערפיקסען דעם אפיס, אום צו מאכען דעם אפיס באקוועם פאר די מעמבערס. מיר האבען פארגרעסערט דעם עקספענס פאר רופען מיטינגען, סעקשאן-מיטינגען און דזשענעראל מעמבער-מיטינגען, וועלכע זיינען א נויטווענדיגקייט; און אז עקספענס טאר ניט געסייפט ווערען. דערפאר אבער האבען מיר געשניטען די עקספענסעס אויף די אלע אנדערע אויסגאבען, וועלכע דער לאקאל האט געהאט. מיר האבען עטאבלירט א בודזשעט באזיס פאר דער ארבייט, וואו יעדער מעמבער פון דער יוניאן קען זעהן פארוואס און פאר ווען יעדער סענט ווערט אויסגעגעבען. דער בודזשעט איז אויך א באזיס פאר די יעניגע, וועלכע מאכען די אויסגאבען, זיך צו האלטען אין דעם לימיט, וועלכער איז זיי ערלויבט געווארען. דער בודזשעט באזיס זאל אנגעהאלטען ווערען אין דער צוקונפט, און איך בין זיכער, אז ביסלעכווייז קענען די עקספענסעס ווייטער רעדוצירט און געשניטען ווערען.

(שלוס נעקסטע וואך.)

דאנקזאגונג צו ה. גרינבערג

מיר, די ארבייטער פון דער פיערלעס דרעס קא., 463 7טע עוו., אנעקס 327 וו. 36טע סט., פארזאמעלט ביי א מיטינג פון אלע ארבייטער, האבען איינשטימיג באשלאסען צו באדאנקען בר. ה. גרינבערג, מענעדזשער פון לאקאל 91, פאר זיין גוטער ארבייט, פאר זיין געטרייקייט און מיה, וואס ער האט אוועקגעגעבען פאר אונזער שאפ. ער האט פאר אונז געמאכט א סעטעלמענט, וואס איז פאר אונז פאלשטענדיג צופרידענשטעלענד. מיר האבען איהם אויך פרעזענטירט מיט א גאלדענער פאונטיין-פען און פענסיל אלס אנדענקונג און אנערקענונג.

פרעס קאמיטע:
סעם קאהן, טשערמאן.
ד. ווייצבערג.
פנחס זייף.
א. נערין.
ישראל וואלפין.

וואס פאר א סארט מענש איז גאמפערס געווען?

פון בענזשאמין שטאלבערג.

3.

גאמפערס האט באזעסען די גייסטיגע כאראקטעריסטיק פון דעם פערזענליכען פיהרער. ער האט געהאט א גוואלדיג גרויסע ערפאהרונג. די סאציאלע פאליטיקס פון דעם לאנד פאר דעם לעצטען האלבען יאהרהונדערט זיינען געווען זיינע פערזענליכע ערינערונגען. איין פריהמארגען האט ער פאר מיר געשילדערט די זאגענאנטע פאראייניגטע באוועגונג אין די פארשידענע קרעפטעניאנס, אויף וואס איך האב פארבראכט א גוטען האלבען יאהר אין פארשינג און רייזען. ער האט מיר דערצעהלט אלעס וואס איך האב שוין געוואוסט וועגען דעם, אין א קורצער האלבער שטונדע, און דאן האט ער מיר דערצעהלט איינגע זאכען, וואס איך וואלט ניט געקענט אויסגעפינען, וויפיל איך וואלט ניט געפארשט. ער איז דורכגעגאנגען די מישענינע פון יעדען פאליטישען קאמפיין, זייט גארפילד'ען, אין די מערסטע שטאטען פון אמעריקא. ער איז געווען אין דעם סאמע קאך פון יעדען קאמף פאר אדער געגען יעדען שטיקעל סאציאלע געזעצגעבונג זייט די לעצטע זיבעציג יאהר. אין זיין זכרון איז געבליבען פארבאהאלטען דער באוועגונגס־בילד פון דעם לעצטען האלבען יאהרהונדערט פון אונזער סאציאלער געשיכטע, וואס דאס אליין וואלט איהם געמאכט פאר דעם בעסטען היסטאריקער פון דער פעריאדע, ווען ניט די פאטאלע צענזור פון זיינע אפט פארפרומטע באטראכטונגען און פאראורטיילע.

דאן איז ער געווען מערקווירדיג ביטרע. איינעם נאך דעם צווייטען האט ער איבערגעביטערוועט זיינע געגנער אין קאנקורענטען, פארטרייבענדיג זיי פון די גרעניצען פון דער אמעריקאנער באוועגונג, פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט. ער האט באזעסען דעם קעמפער'ס הייס־קאלטען צארן, אהן רחמנות, אנפאלענדיג מיט די שטארקסטע זידעלווערטער, און אפט גאנץ פערזענליך, און דאך אימער קענענדיג זיך קאנטראלירען אין דער צייט פון קאמף. ער איז אימער בארייט געווען צו מאכען א קאמפראמיס, ווען דער קאמפראמיס איז געווען פאר איהם א זיג, און פארגעבענדיג פאלשטענדיג אין דעם מאמענט, ווען ער האט געוואונען. ער איז געווען איבער פערזענליכע קריוודעס, כאטש ער איז קיינמאל ניט געווען אזוי נאריש צו גלויבען, דאס אין פאליטיק קען איינער קעמפען געגען אידעען, און ניט טרעפען אין דערזעלבער צייט זייערע טרעגער.

די צוויי מעלות: זיין מערקווירדיגע ערפאהרונג און זיין שארפע געשיקטקייט, צוזאמענגעשמאלצען דורך זיין ליידענשאפטליכען גלויבען אין די גערעכטיגקייט פון זיין זאך, האט געמאכט דעם איינדרוק פון חכמה. ער האט ארויסגעוויזען אזעלכע רעזולטאטען פון זיין פאלקאמענער סטראטעגיק, דאס איינער האט געהאט דעם געפיהל פון גרויסען טיפען פארשטאנד הינטער זיי. א גרויסער כאראקטער ניט אפט ארויס אזא אילוזיע. אזוי, צום ביישפיעל, גאנדהי'ס מיסטישער זשעניע פארדונקעלט אזוי שטארק דעם נאאיווען אומזין פון זיין גלויבען אין א וועלט אהן געזעצע, אהן מעדיצין און אהן מאשינעריע, דאס זיינע באטראכטונגען זעהען אוים זעהר טיעף. גאמפערס האט געהאט דעם זעלבען צווייבערליכען איינפלוס, ניט בלויז אויף זיך אליין און זיינע נאכפאלגער, נאר אויך אויף די, וועלכע זיינען געווען מיט איהם ניט איינפארשטאנען. יעדער האט אדער געגלויבט, אדער פאררעכט זיין סאציאלע פילאזאפיע.

אבער, ווי די ריכטיגקייט איז, האט איהם געהערט אזא פילאזאפיע געפעלט. ער האט ניט געהאט קיין ברייטען בליק ניט פון לעבען און ניט פון ארבייט. און די שטארקייט, ווי אויך די שוואכקייט פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג אונטער זיין פיהרערשאפט באשטעהט אין איהר שטונדליכען רעאליזם. ווען ער פלעגט נאר אמאל וואגען און אנגעהויבען צו פילאזאפירען וועגען דעם שטאאט אדער דער אינדוסטריעלער געזעלשאפט, פלעגט ער אימער ווירקען איינשלעפערענדיג. ער האט געהאט די אידישע באוואונדערונג פאר געלערנטקייט, אבער זי איז געווען איבערפלעכליך. ער האט געלייענט א היבשע ביסעל אין סאציאלער וויסענשאפט, אבער אימער נאר אום צו באפעסטיגען זיינע אייגענע פאראורטיילע, און אפילו אין די געמיטליכסטע גייסטיגע פארשונגען, האט ער ניט געטראכט וועגען דעם צו געפינען דעם אמת, נאר ווי בעסער צו דעבאטירען.

אזוי האט ער איבער פערציג יאהר באקעמפט די פארשידענע סאציאליסטישע שולען, פון דעם שווארצעסטען אנארכיזם ביז צום רויטסטען באלשעוויזם, און דאך האט ער מיר צוגעגעבען, דאס ער האט קיינמאל ניט שטודירט מארקס'ען, אדער באקונינען, אדער קויטסקי אדער לענין, שוין ניט רייענדיג פון די היסטארישע אדער טעארעטישע אנווענדונגען פון זייער געדאנק. וועגען באלשעוויזם האט ער געהאט אט־וואס צו זאגען: „דער באלשעוויזם אין רוסלאנד האט זיך אנגעפאנגען מיט פראהיבישאן. ווארום פראהיבישאן צושטערט די פיהרונגען און מנהגים פון א פאלק". אזוי האבען זיך פאראייניגט ביי איהם דיזע צוויי זאכען, וועלכע ער האט אזוי געהאסט. פון די מלחמות אין די ביכלאך, וואס דיזע רויטע פיהרען אן צווישען זיך, האט ער אבסאלוט גארניט געוואוסט, און אזוי ווי די גאנצע געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין יוראפ באשטעהט מעהרסטענס אין דעם, ווי זי האט זיך אפגערופען אויף די פארשידענע שפאלטונגען אין דער סאציאל־דעמאקראטיע, איז ער געווען אזוי שרעקליך אומוויסענד וועגען דעם, דאס ער איז געווען אן אייביגער וואונדער פאר זיינע חברים אין יוראפ.

טאקטיש האט ער געשלאגען די ראדיקאלען, מאן פאר מאן, באוועגונג פאר באוועגונג, אין קאנווענשאן נאך קאנווענשאן. ער האט אימער געוואוסט זייערע וועגען און מיטלען, און האט זיי מייסטערהאפט צוקלאפט; אבער ער האט קיינמאל ניט פארשטאנען זייערע פארשיידענע ציעלען; ער האט אימער טויט־געשלאגען זייערע אביזיכטען, אבער ער האט קיינמאל ניט פארשטאנען זייערע מאטיוון, אויסער וואס ער האט געקענט אימער אונטערשיידען דעם פייקער פון דעם פאנאטיקער. זיינע ערשטע אנטי־ראדיקאלע קאמפיינס זיינען געווען געגען דעם פרימיטיוון סאציאליסט, אנארכיסט, סינדיקאליסט, וועלכע האבען זיך געדרעהט אין דער ארבייטער באוועגונג פון די זיבעציגער און אכציגער יאהרען פון דעם לעצטען יאהרהונדערט. דאן האט ער באקעמפט דעם ביטערן אבער שוואכען פוידערלי און די נייטס און לייבאר; דאן דעם הויליגען אבער איינפאכען דעבס, אין די סינדיקאליסטישע נייינציגער יאהרען. דאן דעם פאנאטישען און אסקעטישען דעליאן און זיין סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי; דאן דעם פארביטערטען און אונענטשלאסענעם הייוואוד און די אי־דאבליו־דאבליו; ענדליך אונזער איצטיגען באלשעוויסטישען דאנקיכאט, וויליאם ז. פאסטער, און זיין קאמוניסטישע פראזען־באוועגונג. און די גאנצע צייט האט ער באקעמפט די יעניגע, וועלכע האבען געגלויבט אין אן ארבייטער־פארטיי, פון דער צייט, ווען אזא גלויבען איז געווען א בלויזע נארישקייט, ביז דער צייט, ווען זי האט אויסגעזעהען מעהר אדער ווייניגער מעגליך, שטעהענדיג פאר די אומפארטייאישע פאליטיק פון „באלוינען די פריינד און באשטראפען די פיינד" פון די ארבייטער אין די צוויי אלטע פארטייען.

אבער ער האט באקעמפט ניט בלויז די ראדיקאלען. ער האט באקעמפט אלע „אינטעלעקטשועלס", א ווארט, וואס האט זיך ארויסגעקייקעלט פון זיין מויל מיט דער באצויבערונג פון דעם טיפסטען האס. זייט דער מלחמה, איז געוואקסען א טענדענץ אין דער ארבייטער באוועגונג, וואס ווערט געטרעפענער אנגערופען מיט דעם נאמען „טרייד־יוניאן קאפיטאליזם". דיזע נייע יוניאניסטען נעהמען אן דעם פונדאמענטאלען עקאנאמישען געבוי פון דער אמעריקאנער אינדוסטריע, און טרייען צו ארבייטען אין איהם. אין דעם משך פון די לעצטע יאהרען האבען זיי זיך פארנומען מיט בענק־ביזנעס, מיט אינשורענס און מיט אנדערע ביזנעס אויף הונדערטע מיליאנען דאלארס. זיי אנטוויקלען די טעכנישע ערציהונג פון זייער רענק־ענד־פייל. זיי ארגאניזירען זיך פאר א גרויסער פאליטישער מאכט; אבער, וואס איז פון דער העכסטער באדייטונג, זיי הויבען אן מיט ערפאלג צו ארבייטען צוזאמען מיט קאפיטאל, אויף דעם איינציגען וועג, אויף וועלכען אזא מיטארבייטערשאפט איז מעגליך. זיי נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט אין שיכות צו פראדוקציאן. זיי גאראנטירען א גענוגענדע פראדוקציאן פאר אן אינטעליגענטע און מענשליכע מענעדזשמענט. דא און דארט, באזונדערס אין די נאדעל און אייזענבאהן־אינדוסטריע, בויען זיי אויף קאמיטעס פון געגענזייטיגען קאנטראל און פון אומפארטייאישער ארביטריישאן. און זיי טיילען קאנטראקטמעסיג איין די בענעפיטס. אין די ווערטער פון איינעם פון די פיהרער: „ארגאניזירטע ארבייטערשאפט איז שוין אויסגעוואקסען פון דער שטופע פון בלויזען עקאנאמישען קאמף, נאר זי דינגט זיך פאר א וועג פון לעבען".

נון, דאס מערקווירדיגע וועגען גאמפערס'ען איז, דאס ער האט באקעמפט דעם דאזיגען אין תוך גענומען קאנסערוואטיוון שטייגער פון לעבען פונקט אזוי שטארק, כאטש פיל מעהר פארשטעלט, ווי ער האט באקעמפט דעם ראדיקאלען בליק אויפ'ן לעבען. און צוליב דעמזעלבען אינסטינקטיוון גרונד. די נייע יוניאניסטען סטראשען צו פארוואנדלען זיין אפארטוניזם אין אן אינדוסטריעלע פראגראם. זיי סטראשען אפצושוואכען זיין קרעפט־יוניאניזם, מיט זיינע זינלאזע דזשורידיקשאן־קריגערייען, דאן, ווען דער קאפיטאל איז אזוי פעסט פאראייניגט. אין קורצען, זיי שטרעבען נאך מעהר פרידען, בעת גאמפערס האט געלעבט אויף קאמף. ער איז געבארען געווארען צו קעמפען פאר אביסעל מעהר געלד, סענט ביי סענט; פאר אביסעל מעהר רוה, מינוט ביי מינוט; פאר אביסעל מעהר פרייהייט דורך די וואפע פון סטרייקס און דורך דעם וואפענשטילשטאנד פון סעטלמענטס. און ער האט געהאפט איינצושטעלען די פארשידענע טריידס אין יעדער אינדוסטריע אזוי לאנגזאם, דאס קיין פיהרער זאל ניט פארלירען זיין דזשאב אדער זיין מאכט.

זיין גאנצען לעבען האט גאמפערס באקעמפט דיזע „אינטעלעקטשועלס" —

(שלוס אויף זייט 13)

איך די קאנטראקטארס, פאר וועמען אונזערע דרעס־מאכער ארבייטען, זיינען געווען, אזוי צו זאגען, שותפים צו דעם דאזיגען סטרייק. און דערפאר, ווייל די קאנטראקטארס אליין זיינען געווען מיט די ארבייטער אין דעם דאזיגען קאמף, האט זיך דער סטרייק פון די ארבייטער אויסגעדריקט בלויז אין בלייבען זיצען לעדיג. אבער אונז שיינט, אז אזא סטרייק־מעטאדע קען מיט גרויס עפעקט אויך אנגעווענדעט ווערען אפילו דאן, ווען דער סטרייק איז פון אזא כאראקטער, ווען דער קאנטראקטאר איז דער צווייטער צד, און איז ניט אזוי צו זאגען, א מאמענט־פארטנער מיט דער יוניאן. לאמיר זיך נאר פארשטעלען, אז עס ווערט ערקלערט א סטרייק אין די עטליכע טויזענט דרעס־שעפער, און די ארבייטער געהען ניט ארונטער פון די שעפער, נאר זיי בלייבען זיצען אויף זייערע פלעצער. וואס קענען די באסעס טאן? לאזען זיי בלייבען זיצען אין די שעפער, קענען זיי ניט. בלייבט זיי נאר איין ברירה, צו רופען די פאליס צו העלפען זיי ארויסנעמען די סטרייקער מיט געוואלד. באמת, דאס וואלט געווען א גאר זעלטענער אנבליק, אחוץ דעם, וואס עס וואלט דער פאליס גענומען א שעהנע פאר טעג, אויב ניט וואכען, ביז זי וואלט פארטיג געווארען מיט אזא דזשאב, ווי ארויסצוטרייבען פון די שעפער א 30 טויזענט ארבייטער פון עטליכע טויזענט שעפער.

♣

און דאן איז נאך א גרויסע פראגע, אויב די באסעס וואלטען אזוי לייכט געקענט קריגען די פאליס פאר דער אויספיהרונג פון דעם דאזיגען דזשאב. עס קען זיין, אז זיי וואלטען צוליב דעם געמוזט נאר אנקומען צום קאורט. און עס וואלט אויך געקענט פאסירען, אז קאורט זאל זיך ניט איילען מיט דער אויספיהרונג פון אזא מין „דיספאזעס"; עס קען גרייליך זיין, אז דער קאורט וואלט געגעבען די סטרייקער א פאר וואכען צייט זיך „ארויסצוקלייבען". איז, גלויבען מיר, אז אזא נייע קאמף־מעטאדע וואלט אונזערע בעלי בתים געווען זעהר, זעהר ניט צום הארצען, פיל מעהר, ווי איצט, ווען די ארבייטער פארלאזען אין גאנצען די שעפער אין דעם פולען רשות פון די בעלי בתים.

♣

דאס אזא סארט סטרייק וואלט אויך געווען פיל עקאנאמישער, דאס איז דאך קלאר. סטרייק־האלס, אלערליי פיקעט־קאמיטעס, הייגט די פארשיידענע ארעסטען — וואס דאס אלעס קאסט אפ, קען דער זייטיגער מענש קיים זיך פארשטעלען — דאס אלעס וואלט געווארען גאנץ איבעריג, ווען די נייע קאמף־מעטאדע ווערט איינגעפיהרט.

♣

נאר איין גרויסע באדינגונג איז דערצו נויטיג, און דאס איז, אז די ארבייטער אין שאפ זאלען טאקע נאר בלייבען זיצען, אבער ניט ארבייטען, אונגעאכטעט, ווי גרויס עס מעג זיין דער נסיון צו ארבייטען, ווען מען זאגט אייך צו אלערליי גליקען. זיינען אונזערע ארבייטער אזעלכע, אויף וועלכע מען קען זיך פארלאזען? אונז שיינט, אז יא. נאר זאל זיין, אז עס איז בארעכטיגט א צווייפעל וועגען דעם, וואלט עס דאך געלוינט אמאל צו פרובירען. עס איז כדאי צו איבערצייגען זיך, ווי שטארק אדער ווי שוואך עס איז איינגעווארצעלט דער יוניאן־געדאנק אין די מוחות און הערצער פון אונזערע ארבייטער.

♣

מיר וואלטען געווען זעהר טשיקאווע צו הערען, וואס אונזערע ארבייטער און ארבייטערינס דענקען וועגען אזא סארט סטרייק. ווי ווייט ער איז איצט שוין פראקטיש, און אויב ניט איצט, אויב ער קען אמאל ווערען פראקטיש. עס קען זיין, אז מיר מאכען אינגאנצען א טעות. זיינען מיר אפען צו אן אנדער איבערצייגונג. אבער, אז דער דאזיגער פלאן געפעלט אונז, און אפעלירט צו אונז, בעטען מיר די לעזער ניט צו צווייפלען. מיר בעטען זיי, אז זיי זאלען דאס ניט אננעמען פאר בלויז א שפאס פון אונזער זייט. מיר מיינען עס גאנץ ערנסט, אז דער דאזיגער נייער סארט סטרייק מיט אלע זיינע מעגליכקייטען שיינט אונז צו זיין אונטער געוויסע אומשטענדען זעהר פראקטיש און אויספיהרבאר.

דער פראגרעס פון אונזער לידיס וויסט־מייקערס יוניאן אין פילאדעלפיא, לאקאל 50

אונזער דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער, אב. באראף, וועלכער איז געווען לעצטען דאנערשטאג צו א מאס־מיטינג פון אונזערע לידיס וויסט מייקערס אין פילאדעלפיא, איז צוריקגעקומען נאך ניו יארק אמת באגייסטערט. ער קען זיך ניט גענוג אפלויבען פון דעם פארטשריט, וואס די לידיס וויסט־מייקערס יוניאן אין פילאדעלפיא האט געמאכט פאר דער קורצער צייט. ערשטענס, איז דער רעפארט פון וויים־פרעזידענט רייזבערג, מענעדזשער פון לאקאל, געווען אמת באגייסטערנד. ווי באקאנט, איז די לעצטע צייט אנגעפיהרט געווארען א שטארקער ארגאניזיישאן־קאמפיין, מיט דער אויסזיכט אויפצונעמען ווידער א קאמף מיט די באסעס, וועלכע מיינען נאך אלץ, אז זיי וועלען קענען אייביג אנהאלטען זייערע ניט־יוניאן־שעפער. איז דער פלאן פון א דזשענעראל־סטרייק דערווייל אויפגעגעבען געווארען צוליב די גאנץ מיזעראבלע צייט, וואס די לידיס וויסט און דרעס־אינדוסטריע אין פילאדעלפיא מאכט דורך; אבער דער קעמפיין האט געבראכט אנדערע זעהר וויכטיגע רעזולטאטען: 25 נייע שעפער זיינען יוניאניזירט געווארען, אין דער יוניאן זיינען אויפגענומען געווארען 300 נייע מעמבערס, און אין דעם קעמפיין האבען געארבייט איבער 150 יוניאן־מעמבערס, אויספיהרענדיג די ארבייט אינגאנצען פרייוויליג.

♣

נאטירליך, איז דער רעפארט פון וויים־פרעזידענט רייזבערג אויפגענומען געווארען מיט דעם גרעסטען ענטוזיאזם, און דאס האט געמאכט אונזער סעקרעטער־טרעזשורער אזוי באגייסטערט, דאס ער האט געהאלטען צוויי רעדען, איינע, אין וועלכער ער האט ערקלערט, וואס דאס מיינט קאנסטרוקטיווע יוניאן־ארבייט, און א צווייטע, ווען ער האט געענטפערט אויף די פראגע, ווארום מען נעמט ניט אריין די עטליכע אויסגעשלאסענע. ער האט דאן ערקלערט די גאנצע אנגעלעגענהייט, ווארום די דאזיגע מעמבערס זיינען אויסגעשלאסען געווארען און אויף וועלכע באדינגונגען זיי קענען צוריק אריינגענומען ווערען, און אזוי, וואונדער איבער וואונדער, דער גאנצער מיטינג האט דורך די הילכיגע אפלאדיסמענטען ערקלערט זיך פאלקאם איינפארשטאנען מיט ברודער באראף.

♣

איז אט, ווען מען נעמט אין אנבאטראכט, דאס נאך גאר ניט לאנג צוריק האט דער זעלבער לאקאל געהאט דעם טרויעריגען שם פון א „לינקען", מוז מען ניט ווילענדיג אויסשרייען: אה, סייערע צייט, ווי וואונדערליך זיינען דיינע מעשים! און מיט רעכט איז ברודער באראף באמת באגייסטערט פון דעם גרויסען פראגרעס פון אונזערע לידיס וויסט־מייקערס אין פילאדעלפיא.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 12. — New York, Friday, March 20, 1925.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

מיט 14 יאהר צוריק

דעם 25טען מערץ ווערט 14 יאהר, זייט עס האט פאסירט די שרעקליכע טראגעדיע אין דעם לעבען פון אונזער יוניאן בפרט און פון דער גאנצער ניו יארקער ארבייטערשאפט בכלל, ווען 146 ארבייטער-מיידלאך זיינען פארברענט געווארען אין דעם טרייענגעל-פייער. אז דאס איז ניט געווען אן אונגליק, וואס ט ר ע פ ט, נאר א פשוט'ער מאסען-מארד, וועגען דעם קען ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, כאטש די בעלי-בתים האבען שפעטער, צו פארדאנקען זייערע געשייטע לאיערס, ניט געליטען די שטראף, וואס זיי האבען באמת פאר-דינט. די ארבייטער אין יענער פעקטארי זיינען מיט 14 יאהר צוריק באהאנדעלט געווארען, ווי ארעסטאנטען, ווי חיות אין א שטייג. מען האט זיי פשוט געהאלטען פארשלאסען. קיין פייער-עסקייפס, דורך וועלכע זיי זאלען זיך קענען ראטעווען, זיינען ניט געווען; קיינע מיטלען צו לעשען א פייער זיינען ניט פארבארייטעט געווארען; אלע וועגען צו רעטען זייערע יונגע לעבענס זיינען געווען אפגעשניטען פאר די טרייענגעל-ארבייטערינס. און 146 מיידלאך זיינען אומגעקומען אין דעם שרעקליכסטען טויט, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. די מעהרסטע פון זיי זיינען פארברענט געווארען אויף קויל; און ווער פון זיי, אין זייער שרעק, פארצווייפלונג, און אויך מוט, האבען זיך געווארפען פון די פענסטער, זיינען זייערע ביינער און קעפ צושמעטערט געווארען אן דעם הארטען ברוק פון גאס, וועלכע איז באשפריצט געווארען מיט די מארך און בלוט פון קאפיטאל'ס קרבנות.

⁂

יענער שבת וועט בלייבען איינגעקריצט אין דעם זכרון פון יעדען ארבייטער און יעדער ארבייטערין, וואס האבען געלעבט צו יענער צייט אין אמעריקא, און אין ניו יארק איבערהויפט. דאס איז געווען א פינסטער, א שווארצער טרויער-טאג פאר ניו יארק. יעדער איינער, וואס האט נאר געפיהלט מענשליך, האט זיך געפיהלט, ווי א מיטשולדיגער אין דעם דאזיגען מאסען-מארד. א געפיהל פון שאנדע און צארן, ווי וואלועל עס איז דער מענשליכער לעבען, ווען עס איז א פראגע פון פראפיט פאר דעם מאנופעקטשורער, האט געדריקט, ווי א שטיין אויף יעדער מענשליכער הארץ. און פון יעדער מענשליכער ברוסט האט זיך ארויסגעריסען א טויטליכע קללה אויף א סיסטעם, וועלכע מאכט מעגליך אזא פארברעכען; און יעדער יוניאן-ארבייטער האט זיך געגעבען א שבועה אלץ שטארקער און שטארקער צו בויען זיין יוניאן בפרט און די גאנצע ארבייטער-באוועגונג בכלל, כדי אזא מאסען-מארד זאל ניט מעהר מעגליך זיין. זיי האבען דאס געשווארען ביי דעם מאסען-קבר פון די 146 מארטירערינס. זיי האבען זיך א נדר געטאן צו טאן אלעס אין זייערע כחות, אז אויב זיי קענען ניט, אונטער די אומשטענדען, נעמען בלוטיגע ראכע אן אלע שולדיגע, דירעקטע און אינדירעקטע, זאלען זיי כאטש זארגען, אז מעהר זאל אזא פארברעכען ניט קענען פאסירען.

⁂

האבען די ארבייטער און די אנדערע עהרליכע מענשען געהאלטען ווארט? מעג מען זאגען, אז דער טויט פון אונזערע מארטירערינס איז ניט געווען אומזיסט און האט געפיהרט דערצו, אז די, וואס זיינען געקומען נאך זיי, זאלען ניט קענען מעהר זיין אונטערווארפען אונטער אן עהנליכער געפאהר? מיט א ריינעם געוויסען קענען מיר אויף דער פראגע ענטפערען מיט א פעסטען יא! זיי זיינען ניט געשטארבען אומזיסט. די יוניאן האט געטאן אלעס אין איהרע כחות, אז אזא פארברעכען זאל ניט מעהר קענען געשעהן. אחוץ דעם, וואס עס זיינען געשאפען געווארען אונטער דעם דרוק פון דער גאנצער אויפגעטרייסעלטער עפענטליכער מיינונג ספעציעלע פעקטארי-געזעצע פון אונזערע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, אין די פארשיידענע שטאאטען, וועמעס כונה איז געווען, דאס עס זאל ניט מעהר קענען פארקומען אזא שוידערליכער אונגליק, האט אבער די יוניאן צוזאמען מיט די מאנופעקטשורערס אסס'נס אויפגעבויט אן איינענעם אפאראט, וועלכער האט אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען פאר די פארהיטונג פון אזא געפאהר. די מעהרסטע שעפער, אין וועלכע די קלאוקמאכער און דרעס-מאכער אין ניו יארק און אנדערשוואו ארבייטען היינט-צו-טאג, שטעהען אונטער דעם קאנטראל פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, וועלכער פאסט אויף אויף די סאניטארע צושטענדע אין די שעפער און זארגט ווי ווייט מעגליך פאר די פארהיטונג פון אזא מין טרייענגעל-פייער. איהר קענט ניט געפינען קיין שאפ, וואס איז אונטער יוניאן-קאנטראל, מיט פארשלאסענע טירען, ווי דאס איז געווען אין דער טרייענגעל-פעקטארי. די טירען מוזען זיך עפענען אויף דרויסען; די שעפער זיינען פארזארגט מיט פארשיידענע פייער-לעשער, ווי אויך מיט פארשיידענע מעטאלענע כלים, אין וועלכע עס זאל ארייגגעווארפען ווערען די פארשיידענע מאטעריאלען, וואס קענען זיך אזוי לייכט אנצינדען; עס ווערען אויך געמאכט אפטע פייער-דרילס, און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

⁂

דער רעזולטאט איז, דאס אין די 14 יאהר צייט, זייט דעם שרעקליכען אפפער-בראנד, האט קיין גרעסערער אדער קלענערער אונגליק אין אונזערע פעקטארים נ י ט פאסירט. און דאס איז ניט קיין צופאל. דאס איז דער רעזולטאט פון דער שטענדיגער ניט-אויפהערענדער וואכזאמקייט אין די שעפער. און, שרעקליך ווי דאס איז, אבער דאס אלעס האבען מיר צו פארדאנקען דעם שרעקליכען משונה'דיגען טויט פון אונזערע 146 מארטירערינס, און מיט א געפיהל פון דער טיפסטער אכטונג און ליבע דערמאנען מיר זיך אן די אונשולדיגע קרבנות וואס זיינען אומגעקומען, כדי זייערע נאכקומענדע שוועסטער זאלען ניט מעהר זיך געפינען אין דער שרעקליכער לאגע, אין וועלכער זיי זיינען געווען, איידער די יוניאן איז נאך געווען אזוי שטארק, אזוי מעכטיג, אז זי זאל זיי קענען באשיצען; איידער די גאנצע עפענטליכע מיינונג איז אויפגעטרייסעלט געווארען צו דעם פארברעכען און שאנדע פון דעם 25טען מערץ 1911.

⁂

אין דאך ערוועקט זיך ביי אונז א צווייפעל, אויב די דאזיגע געפאהר איז שוין ווירקליך אין גאנצען באזייטיגט. די צייט מאכט אונז אפט פארגעסען גאר אן פילעס, וואס מיר וואלטען באדארפט אזוי גוט געדענקען, און ביסלאכוויז, ביסלאכוויז ווערען מיר נאכלעסיג, ביז עס קומט ווידער אן אונגליק, וואס דערמאנט אונז. און אונז דאכט זיך, אז די צושטענדע אין אונזערע טריידס נעמען אן אזא ווענדונג, וואס דארף אונז מאכען שטארק באזארגט און זיך פארטראכטען, אויב מיר ערפילען ריכטיג די שבועה, וואס מיר האבען זיך געגעבען מיט 14 יאהר צוריק.

⁂

וואס איז די איצטיגע לאגע? איז זי די זעלבע אין אונזערע טריידס, ווי זי איז געווען בלויז מיט עטליכע יאהר צוריק? ווערען די שעפער אזוי גוט אויפגעפאסט, ווי גלייך אין איינינגע יאהר שפעטער נאך דעם טרייענגעל-פייער? זיינען די שעפער אין דעם סאניטארען צושטאנד, וועלכער איז ווירקליך ווינשענסווערט, און אין וועלכען די ארבייטער זאלען זיך פיהלען ווי ווייט מעגליך זיכער פון יעדער געפאהר? אויף דער פראגע קענען מיר ניט ענטפערען געוויסענהאפט: יא. דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל פאסט ניט אויף און קען ניט מעהר אזוי גוט אויפפאסען, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. די גרויסע שעפער, ווי עס איז אלעמען באקאנט, זיינען צופיצעלט און צוברעקעלט געווארען. מיט דעם אריינקומען פון דעם דזשאבער אין אונזערע אינדוסטריען, זיינען אונזערע קלאוק-שעפער און ביז צו א געוויסען גראד אויך אונזערע דרעס-שעפער ווידער פארוואנדעלט געווארען אין סועט-שאפס. פילע פון זיי, טויזענדע פון זיי, שטעהען גארניט אונטער דער השגחה פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל. און אפילו די, וועלכע שטעהען שוין יא אונטער זיין השגחה, קומען נאר, אונטער אזא אדער אן אנדער אויסרייד, נאך די סאמע ווינציגסטע, נויטיגע סאניטארע באדינגונגען. און דערפאר ערוועקט זיך ביי אונז א שטארקער צווייפעל, אויב מיר מאכען איצט ניט דורך אן אנטוויקלונגס-פאזע אין אונזערע אינדוסטריען, אין וועלכע עס איז יע דא א מעגליכקייט פאר אזא מין טרייענגעל-פייער.

⁂

צו דעם יאהרצייט פון אונזערע 146 פארברענטע און צושמעטערטע שוועסטער, ווען מיר פראווען, אזוי צו זאגען, זייער הזכרת נשמות, מוזען מיר זיך שטארק פארטראכטען וועגען דעם, און מיר מוזען זארגען ניט נאר פאר דעם, אז עס זאל ווייטער ניט געהן אזוי, אזוי אז עס זאל ווערען אלץ ערגער און ערגער, נאר מיר מוזען אנווענדען אלע אונזערע כחות אז אין אונזערע אינדוסטריען זאל דער „קארפארייישאן"-שאפ, דער אונפאראנטווארטליכער שאפ, וואס שטעהט ניט אונטער דעם קאנטראל פון דער יוניאן, וואס גיכער פארשווינדען.

⁂

מיר ווייסען, מיר האבען שוין ניט איין מאל גערעדט וועגען דעם, וואס פאר א צרות דער דאזיגער שאפ ברענגט אויף אונזערע ארבייטער אין דעם געשטאלט פון קליינע וויידזשעס, פון לאנגע ארבייטס-שטונדען, פון שטיק-ארבייט, פון די משונה'דיגע לאנגע סלעקס. דאס איז אלעס ריכטיג, א האר ניט איבערטריבען. אבער די קללה פון דעם דאזיגען שאפ איז נאך א פיל ערגערע דערמיט, וואס ער איז א פשוט'ע לעבענס-געפאהר פאר די ארבייטער. ער קען מיט זיך ברענגען אזעלכע אונגליקען, ווי דעם טרייענגעל-פייער. אין שעפער, וואו עס איז ניטא די מינדעסטע אויפפאסונג, וואו עס זיינען ניטא קיינע פארזיכטס-מיטלען, און וואו די ארבייטער, אין דעם נעיענג צו פארדינען א פאר סענט, ניט שאנעווענדיג זייער געזונד, קענען ניט טראכטען און טראכטען ניט וועגען זייער לעבענס-זיכערהייט, און וואו דער באס טוט עס אודאי ניט — אין אזעלכע שעפער איז דער גרעסטער, דער שוירערליכטער אונגליק מעגליך. און עס דוכט זיך אונז, ווי אונזערע 146 מארטירערינס שרייען צו אונז פון זייערע קברים: שוועסטער און ברידער, מיר זיינען אומגעקומען א שוידערליכען טויט. מיר זיינען אפגעשניטען געווארען פון אונזערע יונגע לעבענס, נאך איידער מיר האבען נאר געלעבט. איז אונזער שרעקליכער סוף ניט גענוג ווארנונג פאר אייך, ווי זיך צו פארהיטען פון דעם? זאל אונזער שרעקליכער טויט זיין גאנץ אומזיסט? ניין, מיר קענען און ווילען עס ניט גלויבען, און אין דעם טאג, ווען מיר זיינען אזוי שוידערליך אומגעקומען און ווען איהר דערמאנט זיך אן אונז, דערמאנען מיר אייך אן דעם! זעהט, אז עס זאל קיינמאל ניט קענען מעהר פאסירען אזעלכעס! מיידט אויס, ווי די פעסט, אזעלכע שעפער, וועלכע שטעהען ניט איינגאנצען אונטער דעם קאנטראל פון דער יוניאן! גדענקט אן אייערע יונגע לעבענס! ניט נאר טארט איהר ניט דערלאזען, אז אזעלכע פייער-פאסטקעס זאלען זיך אלץ מעהר און מעהר פארמעהרען, נאר איהר מוזט זעהן, אז די דאזיגע פעסט-שעפער, וואס זיינען נאך דא, זאלען באלד פארשווינדען. און איהר קענט עס אויספיהרען, ווען איהר זאלט נאר וועלען. איהר דארפט נאר פעסט באשליסען: אין א ניט-יוניאן-שאפ ארבייטען מיר ניט, כעג מען אונז צוזאגען דאס טעלערעל פון הימעל; אין אזא שאפ ארבייטען מיר ניט, ווי נויטיג מיר זאלען ניט דארפען די פאר דאלאר פארדינסט. און ווען קיין ארבייטער וועט ניט געהן מעהר ארבייטען אין די סקעב-נעסטען, וועלען זיי דאך סיי ווי סיי מוזען זיך צושליסען, און זייער פלאץ וועט ווידער אמאל פארנעמען דער גרויסער ליכטיגער געזונטער שאפ, אין וועלכען די ארבייטער זאלען אי ניט דארפען פארלירען זייער געזונט דורך אונגעזונטע צושטענדע און אויך ניט זיין אין דער אייביגער געפאהר צו פארלירען זייערע יונגע לעבענס דורך א מיתה משונה.

דער דרעס-אגרימענט בלייבט אין קראפט

נאך א פאר טעג פון אפשטעלען די ארבייט — כאטש אין שאפ זיינען די ארבייטער פארבליבען אויף זייערע פלעצער — זיינען די דרעס-דזשאבערס ענדליך געקומען צו דעם ריכטיגען איינזעהן, אז זיי קענען זיך ניט פארגינען צו ברעכען דעם אגרימענט. אונזערע יוניאן-פארשטעהער האבען פאר זיי גאנץ דייטליך קלאר געמאכט דעם שטאנדפונקט פון דער יוניאן, און די דזשאבערס האבען געמוזט איינזעהן, דאס זיי האבען ניט געמאכט דעם טעות דאן, ווען זיי האבען געשלאסען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן, נאר דאן, ווען עס איז זיי געקומען אזא מאדנער געדאנק צו ברעכען דעם אגרימענט, און זיי האבען נאכגעגעבען.

⁂

מיר קענען זיי דארום באמת גראטולירען. מענשען קענען אמאל מאכען א פעהלער. אבער די דרעס-דזשאבערס זיינען אין דער הינזיכט ניט קיין אויסנאהם. גוט איז אבער, דאס זיי האבען עס באלד איינגעזעהן און חרטה געקראגען. געוויס האבען זיי עפעס אפגעדונגען; אבער דאס ביסעלע, וואס זיי האבען געוואונען, איז פון אזא קנאפער וויכטיגקייט, אז עס האט זיך אסור געלוינט צו מאכען צוליב דעם א טומעל און אריינפאלען אין לייטישע מיילער, אלס אגרימענט-ברעכער. זיי האבען אויסגעפיהרט, אז אויף געוויסע טיילען פון דער ארבייט, אויף וועלכע עס קען ווירקליך ניט זיין קיין פעסטגעזעצטער פרייז, זאל עס אויך ניט באשטימט ווערען. דאס איז א גערעכטע טענה, און אונזערע יוניאן-פארשטעהער האבען דאס באלד צוגעגעבען. אבער, אויב בלויז דאס איז געווען די כונה פון די דרעס-דזשאבערס, האבען זיי אודאי ניט געהאנדעלט קלוג, מאכענדיג דעם אנשטעל, אזוי ווי זיי וואלטען געוואלט אפברעכען דעם אגרימענט גאר איינגאנצען. צו יעדער צייט, ווען זיי וואלטען נאר פארגעבראכט א גערעכטע טענה געגען די אנווענדונג פון א געוויסען פונקט אין אגרימענט, וועלכער איז אין דער פראקטיק ניט אויספיהרבאר, וואלטען זיי געוויס געפונען דעם נויטיגען געהער ביי די פארשטעהער פון אונזער יוניאן. זיינען דאך זייערע באציהונגען מיט דער יוניאן ניט פון נעכטען, און זיי האבען געמוזט ווייסען, אז אונזערע יוניאן-פארשטעהער זיינען ניט פון דעם סארט עקשנים, וואס ווילען ניט און קענען ניט זיך צוהערען צו א גערעכטער טענה, אפילו ווען זי קומט פון דער זייט פון די באסעס. דערפאר טאקע לאזט זיך ניט גלויבען, אז דאס האבען די דזשאבערס געמיינט מיט זייער קאמף-ערקלערונג. געמיינט האבען זיי, ווי עס ווייזט אויס, איינגאנצען אפברעכען דעם אגרימענט. אבער איינזעהענדיג, אז דאס וועלען זיי בשום אופן ניט אויספיהרען, האבען זיי געפערגען א שטיקעל אויסרייד, ווי זיך ארויסצופלאנטערען פון א ניט-אנגענעמער לאגע. איז האבען מיר דערפאר אויף זיי ניט דעם מינדעסטען פאראיבעל, נאך פארקערט, מיר אנערקענען זיי, אלס מענשען, וואס האבען ניט דערלאזען, אז פון דעם קליינעם „מיספארשטענדניס" זאל זיך אנטוויקלען עטוואס גאנץ ערנסטעס.

⁂

איז וועגען דעם ניטא פיל צו ריידען. אבער עס איז דא אין דיזער פאסירונג נאך א מאמענט, וועגען וועלכען עס וועט ניט זיין איבעריג צו פארלירען א פאר ווערטער. עס שיינט אונז, אז די קאמף-מעטאדע, מיט וועלכע די יוניאן האט זיך באנוצט אין דעם פאל, איז עטוואס גאנץ נייעס, און עס וואלט געלוינט צו טראכטען וועגען דעם, אויב די דאזיגע מעטאדע זאל אפטער ניט אנגעווענדט ווערען. די נייקייט פון דער קאמף-מעטאדע איז באשטאנען אין דעם, דאס די יוניאן האט ניט אראפגענומען די ארבייטער פון די שעפער, נאר זי האט דוקא באפוילען א ז ד י א ר ב י ט ע ר ז א ל ע ן ב ל י י ב ע ן א ו י ף ז י י ע ר ע פ ל ע צ ע ר נ א ר נ י ט א ר ב י י ט ע ן, און די דאזיגע פאדערונג פון דער יוניאן איז שטרענג-דורכגעפיהרט געווארען.

⁂

דאס איז א דעמאנסטראציע פון דער מאכט פון דער יוניאן, וועלכע איז באמת ניי אין אונזער ארבייטער-באוועגונג. ארויסצורופען ארבייטער אויף א סטרייק ד. ה. צו פארלאזען זייערע שעפער און ארויסגעהן אין גאס — דאס איז עפעס, צו וואס מיר זיינען שוין אלע געוואוינט; אבער עס איז, ווי ווייט עס איז אונז באקאנט, דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער-באוועגונג, דאס די יוניאן זאל דורכפיהרען א סטרייק, ניט אראפנעמענדיג די ארבייטער פון די שעפער, נאר דוקא פארלאנגענדיג, אז זיי זאלען דארט בלייבען, נאר ניט ארבייטען, און אונז שיינט, אז דער דאזיגער נייער סארט סטרייק האט גאר פילע פארטיילע איבער דעם אלטען סארט סטרייק. באטראכט, זיצענדיג אין די שעפער, נאר ניט ארבייטענדיג, דארפען די ארבייטער ניט פיקעטען די שעפער. זייערע פלעצער, וועלכע זיי פארלאזען ניט, קענען פון סקעבס ניט פארנומען ווערען. אויף די מאשינען, וועלכע זיי פארלאזען ניט, קענען קיין אנדערע ניט ארבייטען. און אין אלגעמיין מיינט עס, אז די ארבייטער פיהלען, דאס די פלעצער זיינען זייערע, מעהר ניט, זיי ווילען ניט ארבייטען, ביז זיי וועלען אויספיהרען דאס, וואס זיי באטראכטען, אלס זייער רעכט.

⁂

עס איז אמת, דאס אין דעם איצטיגען פאל איז דאס געווען פארהעלטניסמעסיג לייכט אויסצופיהרען, ווייל

אומפאראנטווארטליכקייט אין ערנסטע זין

פון ל. פינקעלשטיין.

אנצואווייזען, אז די „פרייהייט", דאס קאמוניסטיש בלעטעל, האט געשריבען א ליגען וועגען אונזער אינטערנעשנאל, אדער דאס זי האט פארלוימדעט די פיהרערשאפט פון דער ארגאניזאציע, איז פונקט דאס זעלביגע, ווי, למשל, אנצואווייזען, אז א קוימענקערער האט אן איינגעשווארצט פנים. אלע ווייסען, אז א קוימענקערער איז איינגעטונקט אין סאזשע, און אלע ווייסען שוין איצט אויך, דאס די „פרייהייט" בלאפט כסדר וועגען אונזער אינטערנעשאנאל און פארלוימדעט די פיהרערשאפט. מיר האבען דעריבער אויפגעהערט צו שענקען אירגענד וועלכע אויפמערקזאמקייט צו דעם, וואס אין יענער בלעטעל ווערט געפאטשקעט אין באצוג אונזער יוניאן.

לעצטען דאנערשטאג איז אבער ערשינען אן עדיטאריעל אין יענער בלעטעל, „דער סטאפעדזש אין דרעס טרייד", וואס איז גאר באזונדערס געמיין, דעמאגאגיש און פארברעכעריש, און עס ווילט זיך ניט דאס דורכלאזען אומבאמערקט.

צו שרייבען אזוי סקאנדאליעז, קאנען זיך פארגינען נאר אזעלכע פארשוינען ווי די פראפעסיאנעלע קאמוניסטען; אזעלכע וואס פייפען אויף אלץ און אלעמען; וואס האבען ניט קיין מאראל, האבען אויסגעווארפען יעדעס געפיהל פון גערעכטיגקייט און האלטען ניט פון קיין סארט יושר, אפילו ניט פון דעם פראלעטארישען יושר. זיי פייפען אפילו אויף זייער קאמוניזם גופא... צו וועלכען זיי האבען זיך כלומר'שט געשטעלט אין דינסט.

די רויטע חברה'ניקעס האבען שוין ניט איין מאל ערקלערט, אז געגען זייערע א „נעגנער" איז ביי זיי אלץ דערלויבט; אין קאמף מיט'ן „נעגנער" שטעלען זיי זיך ניט אפ צו געברויכען די ערגסטע מיטעל דעם „נעגנער צו באזיגען". און צו שרייבען א ליגען בפרהסיה, ווייסענדיג, אז דאס איז א ליגען, אדער א שרייב טאן א געמיינע פארלוימדונג כדי צו שלאגען א „נעגנער", איז ביי זיי געווארען א דבר בכל יום, א טעגליכע פאסירונג. זיי האבען זיך שוין צו דעם אזוי צוגעוואוינט, דאס זיי קאנען שוין ניט אויפשרייבען אן אנשטענדיג ווארט! א ווארט וואס זאל האבען אין זיך דאס געוויכט פון פאראנטווארטליכקייט, שוין ניט רעדענדיג פון אמת, יושר און גערעכטיגקייט. דער רעגעל פון דער „פרייהייט" איז געווארען ארויסצולאזען טעגליך פובליציסטיש־אומפאראנטווארטליכע שטינקבאמבעס, אנגעפילט מיט כל המינים שמוציגע בלבולים און זלזולים געגען זייערע „נעגנער" און ספעציעל געגען די ארבייטער ארגאניזאציעס, וואס ווילען זיך ניט אונטערווארפען די שארלאטאנסקע דיקטאטור פון די דאזיגע קאמיסארען! דאס ווערט געטאן צו פאר'עיפוש'ען דאס עפענטליכע לעבען אויף דער אידישער גאס פון אמעריקא.

די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" וועלען אונז מוחל זיין פאר מאנכע איבערדריסען, וואס מיר געברויכען דא. מיר ווינען געקומען צו דעם אונטער'ן איינדרוק פון דעם פריהער דערמאנטען עדיטאריעל, וואס איז ערשינען לעצטען דאנערשטאג אין דער „פרייהייט", „דער סטאפעדזש אין דרעס טרייד". דאס איז געווען איינע פון יענע שטינק־באמבעס, מיט וועלכע די שמירער פון יענעם בלעטעל ווילען פאר'עיפוש'ען די ארבייטער באוועגונג ספעציעל.

דער סטאפעדזש אין דרעס טרייד פון ניו יארק לעצטען דינסטאג, און די שעהנע האלטונג פון די טויזענטער דרעססמאכער, האט ארויסגערופען באוואונדערונג און אויך באגייסטערונג אין די רייהען פון דער ארבייטער באוועגונג. מען האט זיך פשוט ניט געקאנט גענוג אפלויבען די וואונדערבארע דיסציפלין און די לאיאליטעט, וואס די דרעססמאכער האבען ארויסגעוויזען; זיי האבען דעמאנסטרירט עפענטליך, דאס זיי האבען דאס פולע צוטרויען צו דער יוניאן און צו דער פיהרערשאפט, און דאס האט, פארשטעהט זיך, געברענט און געבראטען די קאמוניסטישע פיקערס, וואס טאראראמעווען כסדר, אז די יוניאנס זיינען „אינגאנצען דעמאראליזירט", אז די מיטגלידערשאפט „געטרויט ניט די פיהרער", און אזוי ווייטער. דאס איז דער „באנק", וואס זיי טוען ארייין אין זייערע שטינק־באמבעס.

און דא נא דיר! אויף א טעלעגראמע וואס די יוניאן האט ארויסגעשיקט, אונטערגעשריבען פון י. פיינבערג, איינער, וואס זיי פארלוימדען כסדר, — און אלע דרעססמאכער, די „לינקע" אזוי גוט ווי די „רעכטע", האבען די טעלעגראמע פינקטליך אויסגעפאלגט. איז עס ניט א ריס אין הארצען?... דאס צייגט דאך בפירוש, אז די אלע געמיינע אטאקעס פון די קאמוניסטען אויף די פיהרער פון די יוניאנס האט אין דער אמת'ן קיין שום ווירקונג ניט.

האבען די שרייב־קנעכט פון דער „פרייהייט" ניט געוואוסט וואס צו טאן, צי זאלען זיי אויך זיך פרעהען און באגריסען די ערשיינונג, צי נאר עס ארונטערדייסען, און עס דערקלערען פאר א „פארראט" פון די פיהרער. און זיי האבען אפגעווארט ביז דאנערשטאג צו „נעמען א שטעלונג". און זיי האבען עס געטאן אויף אזא פארטאטשקעטען אופן, אז עס רייסט פשוט אויף די אויגען.

דער עדיטאריעל פאנגט זיך כלומר'שט אן מיט זיס־צוקערדיגע רייד וועגען דעם סטאפעדזש. דער שרייבער האלט אבער באהאלטען א מעסער אין ארבעל ארייינצושטעכען אין רוקען פון דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן.

וואס האט פאראורזאכט דעם סטאפעדזש?

די דרעס דזשאבערס, נאך א גאנצע רייהע פון קאנפערענצען מיט דער יוניאן, האבען אונטערגעשריבען אן אגרימענט, און אין דעם אגרימענט האבען זיי זיך פארפליכטעט נאכצוקומען א געוויסע העכערונג אין די שכירות פון די ארבייטער. ווען עס איז אבער געקומען עס דורכצופיהרען אין לעבען, האבען זיי קיין חשק ניט געהאט עס צו טאן. ביים ארויסגעבען די ארבייט צו די קאנטראקטארס האבען זיי ניט געוואלט וויסען דערפון, אז זיי האבען זיך פארפליכטעט צו שטעהן הינטער די גאראנטירטע סקעדזשולס, וואס פארזיכערען דעם געהעכערטען ווידזש פון אלע ארבייטער אין די דרעס שעפער.

האבען די פיהרער פון דער יוניאן גאר אויף דאס ניי גערופען די דזשאבערס צו א קאנפערענץ, און דארט זיי דערקלערט, אז דעם אגרימענט מוז מען דורכפיהרען אין לעבען, און ווען זיי האבען דאך ניט געוואלט עס טאן, האט די יוניאן מאמענטאן אפגעשטעלט די ארבייט אין די דרעס שעפער, כדי זיי צו צווינגען דאס צו טאן. דאס איז געווען בראוו און מוטיג געהאנדעלט, און דיזע האנדלונג פון דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן האט אין די ארבייטער קרייזען ארויסגערופען פיל לויב.

אנדערש אבער האט עס געטאן די „פרייהייט" אין איהר עדיטאריעל. נאך דעם ווי עס ווערט דארט דערצעהלט, אז די יוניאן האט געמאכט א סטאפעדזש, ווערט געזאגט:

„נאר וואס דער רעזולטאט פון „סטאפעדזש" זאל ניט זיין, איז אבער דער „סטאפעדזש" גופא זעהר כאראקטעריסטיש. די סיטואציע, וואס האט געבראכט צום דאזיגען „סטאפעדזש" און דער אפרוף פון די דרעססמאכער צום באפעל פון דער יוניאן באווייזט מיט זיך צוויי וויכטיגע ביישפילען. עס באווייזט פון איין זייט די אומערנסטע באציהונג, סיי פון די באלעבאטים און סיי פון די איצטיגע דזשאינט־באארד פיהרער צו יוניאן־אגרימענטס, און פון צווייטען זייט, באווייזט עס די ערנסטע און געטרייע באציהונג פון די דרעססמאכער צו זייער יוניאן."

אין די פאר שורות געפינט זיך א גאנצער הויפען געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט און דעמאגאגיע פון דעם נידעריגסטען סארט! פון די פאר שורות זעהט מען, ווי געקרענקט עס זיינען די שרייבקנעכט פון דער „פרייהייט", וואס די דרעססמאכער האבען אזא ערנסטע און געטרייע באציהונג צו זייער יוניאן. דאס שטעכט זיי פשוט אויס די אויגען. זיי וואלטען אוודאי געוואלט עס זאל אנדערש זיין; זיי וואלטען געוויס ליבערשט וועלען, די דרעססמאכער זאלען זייער יוניאן הערען ווי דעם קאטער! דעמאלט וואלטען זיי זיכער אנגעקוואלען פון נחת. ווארים דאס איז דאך וואס זיי באגערען.

און דא אזא סקאנדאל!; די דרעססמאכער ווייזען גאר ארויס אזא ערנסטע און געטרייע באציהונג צו דער יוניאן. דארף מען, הייסט עס, נאך מעהר פארלוימדען די „איצטיגע דזשאינט באארד פיהרער".

אבער ווי פאלט מען אן אויף די פיהרער פון דזשאינט באארד, אין דער צייט ווען זיי האבען געהאנדעלט ריכטיג, בראוו און מוטיג און אלע לויבען זיי דערפאר?

געפינט מען פאר דעם אויך אן עצה — מען טשעפעט צונויף די בעלי־בתים מיט די פיהרער פון דזשאינט באארד און מען זאגט אין איין אטעם, אז אט די פאסירונג „באווייזט די אומערנסטע באציהונג, סיי פון די בעלי־בתים און סיי פון די איצטיגע דזשאינט באארד פיהרער צו יוניאן אגרימענטס". זיי טשעפען צונויף די בעלי־בתים, וואס האבען געוואלט ברעכען דעם אגרימענט, מיט די פיהרער פון דזשאינט באארד, וואס האבען דערקלערט א סטאפעדזש, כדי צו צווינגען דיזע בעלי־בתים צו האלטען דעם אגרימענט, און מען שמייסט ביידע מיט די זעלבע רימער! מען מאכט זיי ביידען גלייך שולדיג. קאן נאך געבען א גרעסערע דעמאגאגישע געמיינהייט?

וואס מען זאל ניט אויפווארפען די פיהרער פון דזשאינט באארד, אדער די פיהרער פון אירגענד וועלכער אנדערער קערפערשאפט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, — איינס איז זיכער, מען קאן קיינעם פון זיי ניט באשולדיגען, אז זיי האבען אן אומערנסטע באציהונג צו יוניאן אגרימענטס. גראדע דער היפוך דערפון, די גאנצע עפענטליכע מיינונג ווייס, דאס ניט נאר באציהט זיך אונזער יוניאן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט צו יוניאן אגרימענטס, זאנדערן זי צווינגט עס אויך צו טאן די מאנופעקטשורער אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע. ארויסצוקומען געגען אונזער יוניאן מיט אזא באשולדיגונג איז ניט נאר געמיין, עס איז נאך ערגער, עס איז אידיאטישע פראוואקאציע. ווייל מיט דעם ווערט באצוועקט אויפצורייצען די מעמבערשיפ געגען די פיהרער ווען עס איז ניטא דערפאר קיין שיין פון בארעכטיגונג. דאס מיינט גלאט אונטערלאזען א שטינק־באמבע צו פאר'סמ'ען די מוחות פון דער מעמבערשיפ געגען די פיהרער אוים הוילער „נעגנער־שאפט".

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. אין זעלבען עדיטאריעל זיינען דא נאך עטליכע שורות, וואס זיינען פונקט אזוי געמיין און ליגנעריש, ווי די, וואס מיר האבען שוין אנגעוויזען. אויך אין די שורות ווערט בפרהסיה פארקינדיגט א ליגען, א בלבול אויף דער יוניאן, כדי צו זאגען, הלמאי זי האט עס געטאן, כאטש זי האט עס ניט געטאן! אט לעזט:

„עטליכע חדשים כסדר זיינען פריער די פיהרער פון דער יוניאן און פיהרער פון די באלעבאטים געזעסען ביי קאנפערענצען און זיך געדונגען איבער פונקטען פאר א נייעם אגרימענט ביז ענדלאך אלע האבען די אגרימענטס אונטערגעשריבען.

„אבער וואס האט מען אונטערגעשריבען?

„מ'האט גע'חתמ'עט אן אגרימענט, וואס זאגט, אז די שכירות פון די דרעססמאכער דארפען געהעכערט ווערען. דער אגרימענט זאגט אויך, אז די דזשאבערס דארפען זיין פאראנטווארטליך צו צאהלען די העכערונג דורך זייערע צאהלונגען פאר ארבייט צו די קאנטראקטארס. אבער אין דעם זעלבען אגרימענט האט מען פריער די גענויע פרייזען פון ארבייט ניט פארצייכענט."

דאס איז ווידער זיך געדראפעט אויף די גלייכע ווענט. דאס איז ווידער געקראכען פון דער הויט אבי צו דיסקרעדיטירען די פיהרער פון דער יוניאן. די „ווידזש סקעדזשולס" אין די אגרימענטס פון דרעס טרייד זיינען גראדע יא פארצייכענט, און דעריבער האט מען זיך אזוי לאנג געהאמפערט און געדונגען זיך, איידער די דזשאבערס האבען דעם אגרימענט אונטערגעשריבען. דער שמירער פון דעם עדיטאריעל האט דא ווידער געטראפען מיט'ן פינגער אין הימעל.

און טאמער זיינען יע פאראן געוויסע טיילען פון דער ארבייט, וואס זיינען ניט פארצייכענט געווארען פריהער, איז עס דערפאר, ווייל אין פאראויס האט מען עס ניט געקאנט פארצייכענען. עס זיינען דא טיילען אין דער דרעס, וואס זיינען אפהענגיג פון סטייל, און מען קאן אויף דעם ניט מאכען א באשטימטען פרייז, סיידען מען האט פאר זיך דעם בגד; סיידען מען ווייס באשטימט וויפיל ארבייט עס שטעקט אין דעם געוויסען טייל פון דער דרעס. היינט ווי קאן מען פאר דעם אין פאראוים באשטימען א פרייז?

אבער געה זוך לאגיק ביי מענשען, וואס האלטען ניט פון קיין זאך, וואס ווייסען ניט פון יושר, פון מאראל, פון ערהרליכקייט און פון קיין אנדער זאך, ווען זיי דארפען באקעמפען א „נעגנער"! נאר ניט, מען פאטשקעט, מען ווארפט פובליציסטישע בלאטע — אפשר וועט זיך עס אן וועמען אנקלעפען.

מיר בעטען די לעזער נאך אמאל, זיי זאלען אונז מוחל זיין, וואס מיר האבען דאס מאל פארנומען אזוי פיל פלאץ צו פאלעמיזירען מיט די רויטע חברה'ניקעס.

אלץ פארנומען...

פון י. אדלער.

טוט א וואונד, א נייע וואונד,
צו מיין הארצען קומען,
וויל זי זיך באזעצען דארט,
איז דער פלאץ פארנומען...

טוט א קנייטש, א נייער קנייטש,
צו מיין שטערען קומען —
וויל ער זיך באזעצען דארט,
איז דער פלאץ פארנומען...

טוט א האר, א גרויע האר,
אויף מיין קאפ צוקומען —
איז שוין דארט קיין פלאץ נישטא,
יעדער ארט פארנומען...

ראדיא שולדיג. נאר, ווען אפילו יא, איז וואס? וואס איז מיר דער אונטערשייד, צי איך הער די טייערע דזשעז־מוזיק פון א האטעל אין ניו יארק, אדער פון לאנדאן?

א סטרייק אין דער פאשיסטישער איטאליען! איז דאס מעגליך?! און דאך איז עס פאקט. מעהר נאך, דעם סטרייק האבען אנגעפאנגען דוקא די פאשיסטישע טרייד־יוניאנס. און ערשט נאך זיי האבען געפאלגט די סאציאליסטישע. היינט הערט די שפראך, וואס איינער פון די פאשיסטישע פיהרער האט געברויכט: „די פאשיסטען האבען ניט געמאכט די רעוואלוציע, אום אנצושטאפען די קעשענעס פון די רייכע, אדער געשוואלען צו מאכען די פראפיטען פון די קאפיטאליסטען". אט אזוי איז עס שוין. איהר קענט די אמת'ע רעוואלוציאנערע ארבייטער באוועגונג ניט דערשטיקען אויף לאנג. ניט איהר וועלכען נאמען איהר ווילט, איהר אמת'ן רעוואלוציאנערען כאראקטער מוז זי פריהער אדער שפעטער ארויסווייזען. דער פאשיזם אין איטאליען איז באנקראט. ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס א קלענליכער דורכפאל. ער קאן ניט ראטעווען די עקספלואטאטארס פון זייער אומפארמיידליכען שיקזאל.

אויף א מיטינג פון דער אקאדעמיע און פאליטיקעל סייענס, זאל סידני הילמאן, פרעזידענט פון דער אמאלגאמייטעד, האבען געזאגט, — אזוי ווערט מיטגעטיילט אין דער פרעסע, — דאס די ארבייטער זיינען נאך צו אומווייסענד, אז זיי זאלען קאנען נעמען א חלק אין דעם קאנטראל איבער דער אינדוסטריע. איך קאן עס קוים גלויבען, אז ער, וואס איז געווען אזוי ענטוזיאסטיש פאר דעם „עקספערימענט" אין רוסלאנד, זאל עס האבען געזאגט. אבער, קאן עס זיין, אז טאקע רוסלאנד האט איהם געעפענט די אויגען? דארף ער אבער האבען אין זינען, אז עס איז דא א שטיקעל חילוק צווישען דעם רוסישען ארבייטער און דעם אמעריקאנער, אדער ענגלישען, אדער פראנצויזישען ארבייטער. ניט אפשר?

דער קאמף געגען פריזאן ארבייט

פון דר. הערמאן פראנק.

אײנע פון די געזעלשאפטליכע פראגען, וועלכע באריהרען אם שטארקסטען די טעגליכע ארבייטער־אינטערעסען, איז די פריזאן־ארבייט. די ארבייט פון די ארעס־טאנטען געהט אן די ארבייטערשאפט און די גאנצע געזעלשאפט אויף א צווייפאכען אופן. 1) די געזעלשאפט איז שטארק פאר־אינטערעסירט אין דער פארמיידונג פון אלעריי פארברעכענס דורך דער אויסבע־סערונג פון די מענשען, וואס באגעהען זיי. די רעפארם פון דער פריזאן־סיסטעם גע־הערט דעריבער צו די בארייטענסטע און אקטועלסטע געזעלשאפטליכע פראגען. 2) דורך דער קאמפעטישאן פון דער פרי־זאן־ארבייט ליידט אויך זעהר שטארק די פריוואטע אינדוסטריע און באזונדערס די ארבייטער־מאסען, וועלכע פארלירען צוליב איהר די דזשאבס און — אין בעסטען פאל — ווערען געצוואונגען צו באנוגענען זיך מיט פארקלענערטע וויידזשעס.

אין פארשיידענע לײנס שפירט זיך ביי הײנטיגס טאג א שארפע קאמפעטישאן פון דער אומזיסטער אדער זעהר נידעריג באַ־צאהלטער פריזאן־ארבייט. לויט דער סטאטיסטיק פון דער „יונייטעד סטייטס טשעמבער אוו קאמערס" איז אין 1923 פארקויפט געווארען אין אמעריקא אויף 45 מיליאן דאלאר פראדוקטען, וואס זיינען געקומען פון די פריזאן־שעפער. פון דער דאזיגער גאנץ באדייטענדער סומע איז 16 און א האלב מיליאן דאלאר, דאס מיינט גאנצע 42 פראצענט, אויסגעפאלען אויף קליידער־וואדען, באזונדערס ארבייטער־קליידונג. מ'זעהט אלזא, אז די פראגע געהט אן די שניידער־טריידס גאנץ באזונ־דערס שטארק.

ס'פארשטעהט זיך, אז אין דער אלגע־מיינער פראדוקציע פון אמעריקא שטעלט זיך דער ווערט פון דער פריזאן־אויסאר־בייטונג גאנץ קליין, נאר אײנצעלנע טריידס שפירען אבער דעם דרוק דערפון אזוי שטארק, אז די יוניאנס אין די „אמע־ריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר" פיהרען דעם שארפסטען קאמף געגען פריזאן־אר־בייט ביי יעדער געלעגענהייט און אין יע־דען סטייט.

די ארבייט פון די ארעסטאנטען איז פונקט אזוי נויטווענדיג פאר זיי גופא ווי פאר דער גאנצער געזעלשאפט, דאס מיינט דעם סטייט. אפיצען א לאנגע צייט אײנ־געשפארט און נים האבען קיין שטאך אר־בייט באדייט רואינירט צו ווערען גייסטיג און קערפערליך. פון דער אנדער זייט, ווערט דער ארבייטער ארעסטאנט פארוואנ־דעלט אין א „דארמאיעדניק", וועלכער קאסט אפ דער געזעלשאפט גרויסע געלט און ברענגט נים אריין דורך ארבייט כאטש א טייל פון די הוצאות, אויף אלערליי לא־קאלע ארעסט־הייזער, סטייט־פריזאנס, רעפארמאטאריס וכדומה.

אין פרינציפ איז אלזא די פריזאן־אר־בייט גאנץ דערלאזבאר און נוצליך. די פראגע איז נאר ווי אזוי זי זאל ארגאני־זירט ווערען אין אײנקלאנג מיט די אינ־טערעסען פון די ארעסטאנטען און פון די פרייע ארבייטער־מאסען.

אין דער פראקטיק פון די אמעריקא־נער פריזאנס זיינען באקאנט 6 סיסטעמען פון ארעסטאנטען ארבייט, וועלכע האבען אלע פארשיידענע חסרונות און גאנץ וועניג מעלות.

1) די אזוי גערופענע „ליס־סיס־טעם", ווען דער ארעסטאנט ווערט פאר־דונגען צו א פריוואטען אונטערנעמער, וועלכער איז פאר איהם פאראנטווארט־ליך.

2) די „קאנטראקט־סיסטעם", ביי וועלכער אן אונטערנעמער דינגט אפ די ארבייט פון ארעסטאנטען אויף א באַ־שטימטע צייט פון טאג, נאר די סטייט האלט אויף די ארדנונג צווישען די ארביי־טער־ארעסטאנטען.

3) די „פיס־פרייז סיסטעם", ווען דער סטייט האלט אויס די פריזאן־פעקטא־ריס, נאר דער קאנטראקטאר שטעלט צו דעם רוי־שטאף און דער סטייט פיהרט אויס די ארבייט און קריגט א פרייז פער שטיק.

4) די „פאבליק־אקאונט" סיסטעם, וואס מיינט, אז דער סטייט געהט אליין אין ביזנעס דורך די פריזאן־שעפער און פארקויפט זיינע פראדוקטען אויף דעם פרייען מארקעט.

5) די „סטייט־יוז" סיסטעם, ווען דער סטייט ארבייט אויס אויף אייגענע רעכענונג די ווארע, אבער פארנוצט זיי נאר אין די סטייט־אינסטיטושאנס און צדקה־אנשטאלטען, וועלכע קריגען א סוב־סידיע פון סטייט.

6) די סיסטעם פון עפענטליכע אר־בייטען, וואס מיינט אז די ארעסטאנטען פיהרען אויס די עפענטליכע ארבייטען, ווי וועגען, רעמאנטען און געביידעס, באוואַ־סערונג פון פעלדער וכדומה.

נים אלע פון די דאזיגע 6 סיסטעמען האבען א גלייכע פארשפרייטונג און שטע־לען מיט זיך פאר די זעלבינע געפאר פאר די ארבייטער־אינטערעסען. פון שטאנד־פונקט פון ארעסטאנט זיינען, נאטירליך, די ליס און קאנטראקט־סיסטעם די סאמע ערגסטע. דורך אט די צוויי אלט־פריינ־קישע פארמען פון פריזאן־ארבייט ווערט דער ארעסטאנט פאקטיש פארוואנדעלט אין א שקלאף און דער עמפלאיער נוצט אויס אויף דעם חשבון פון דער גאנצער גע־זעלשאפט א בילינע און געהארכזאמע אר־בייטס־קראפט. ס'איז קיין וואונדער נים, אז די קאנטראקט־סיסטעם איז פאר־שפרייט נאר אין אײניגע סטייטס פון דער סאוטה, וואו ס'זיינען נאך אין אלגעמיין די סאציאלע באדינגונגען וועניג געביטען געווארען זינט דעם בירגער־קריג.

די „פאבליק אקאונט" סיסטעם איז אם שטארקסטען פארשפרייט אין די אמערי־קאנער טורמעס. זי איז אבער גראד די יע־ניגע וועלכע רופט ארויס די גרעסטע אומ־צופרידענהייט ביי די פרייע ארבייטער. די פריזאן־ארבייטער קריגען אפט אינגאנ־צען קיין וויידזשעס נים, אדער מ'צאהלט זיי אויס א נישטיג קליינעם לוין. זיי הא־בען נים קיין רעכט צו סטרייקען פאר בע־סערע באדינגונגען אין שאפ און דעריבער קען דער פרייער ארבייטער אין קיין פאל נים ביישטעהן די קאמפעטישאן פון דער פריזאן־פעקטארי.

פארשיידענע לעדזשיסלייטשורס הא־בען שוין, אונטער דער ווירקונג פון די טרייד־יוניאנס, אנגענומען געזעצען צו פארקלענערען די געפאהר פון דער פריזאן־ארבייט פאר די ארבייטער־מאסען. אין אײניגע מעהר פראגרעסיווע סטייטס, ווי למשל פענסילוועניא, איז שוין אפילו מיט יאהרען צוריק אײנגעפיהרט געווארען דער 8־שטונדיגער טאג אין די פריזאן־שעפער. ס'איז אויך באשטימט געווארען, אז בלויז 35 פראצענט פון דער צאהל ארעסטאנטען אין א פריזאן מעגען ארבייטען פאר דעם אפענעם מארק אין דער פריזאן־פעקטארי. ס'איז אויך פארארדענט געווארען, אז אלע ארטיקלען פון פריזאן־ארבייטער זאלען האבען א לייבעל „קאנוויקט מייד", וואס ס'איז א מין „בלעקליסטינג", כדי שווערער צו מאכען דעם אפזאץ פון די פריזאן־פראדוקטען.

דאך איז די ארבייטערשאפט שטאל און אייזען געגען דער „פאבליק אקאונט" סיסטעם, וועלכע באדראהט טויזענטער ארבייטער און שעדיגט די לעבענס־אינטע־רעסען פון צענדליגער טריידס, ווי צום ביישפיל ניסערס פון אײזערנע אויוועלעך, באנדארעס, האלץ־ארבייטער ביי געשטע־לען פאר לעדערנע זאטלען און אנדערע.

און דעם קאמף געגען דער דאזיגער סיס־טעם פיהרען די ארבייטער האנט אין האנט מיט די ארגאניזאציעס פון די מאנופעק־טשורערס, ווייל דורך דער פריזאן־פראדוק־ציע ווערט דיסארגאניזירט און דעמאראלי־זירט דער גאנצער מארקעט פון א בא־שטימטען פראדוקט, וואס איז נים וועני־גער שעדליך פאר דעם פריוואטען אונטער־נעמער ווי פאר זיינע ארבייטער און אנגע־שטעלטע.

די טרייד יוניאנס ווייזען געוועהנליך אן, אז די אזוי גערופענע „סטייט־יוז" סיסטעם איז אן אומשעדליכע און אפילו געזעלשאפטליך־נוצליכע פארם פון פריזאן ארבייט. אין גרונט איז אבער אויך זי גאנץ געפעהרליך פאר די ארבייטער־אינ־טערעסען. דאס, וואס די ארעסטאנטען ארבייטען אויס די ווארע נים פאר'ן מארק, נאר פאר די סטייט־אינסטיטושאנס, מיינט נאך גארנים, אז דער פרייער אר־בייטער ליידט נים פון קיין קאמפעטישאן. ער פארלירט דעם מארקעט פאר זיינע פראדוקטען אין דעם פאל, פונקט ווי דורך דער „פאבליק אקאונט" סיסטעם, ווען די בילינע פראדוקשאן פון פריזאן־שעפער דריקען ארונטער די פרייזען פון דער ווא־רע אויף דעם אפענעם מארק. די ארגאני־זירטע ארבייטערשאפט פארלאנגט דעריי־בער, ראשית כל, אז אין אלע פריזאנס זאל ביי דער ארבייט אײנגעפיהרט ווערען א גערעכטע וויידזש־סיסטעם און דער ארעס־טאנט זאל נים זיין קיין געצוואונגענער סקעב. די דאזיגע בארעכטיגטע פאדערונג לאזט זיך אבער לייכט נים אײנפיהרען אין ווירקליכען לעבען.

וועניגער קריטיק האט ביי די ארביי־טער ארויסגערופען די סיסטעם פון באנו־צען ארעסטאנטען צו די עפענטליכע אר־בייטען. זי דינט אבער גאנץ וועניג די אינטערעסען פון דער גאנצער געזעלשאפט, ווייל די ארבייט פון מענשען אונטער א שטענדיגער און שטרענגער שמירה ווירקט דעמאראליזירענד אויף אלע טיילען פון דער געזעלשאפט, וועלכע קומען נאהענט אין א באריהרונג מיט איהר.

לגמרי גאנץ פריי פון חסרונות פאר דעם ארבייטער־קלאס איז נאר די אזוי גע־רופענע סיסטעם פון זעלבסט־פארזארגונג, ביי וועלכער די גאנצע ארבייט פון די ארעסטאנטען געהט אוועק אויף אויסצו־האלטען די פריזאנס. נאר ביי אזא סיס־טעם דינט די פריזאן־ארבייט דער גאנצער געזעלשאפט, ווייל ס'ווערט אין א באדיי־טענדער מאס פארמינדערט אינגאנצען די הוצאה אויף די פריזאנס, און ס'ווערט נים צוגענומען ביי צעהנדליגער טויזענטער פרייע ארבייטער די ארבייטס־מעגליכקיי־טען און דער אפזאץ־מארקעט. אין פיעל סטייטס איז שוין אין דער לעצטער צייט געמאכט געווארען אן ערפאלגרייכער פאר־זוך צו באנוצען די ארעסטאנטען ביי פארם ארבייטען. ס'קען אלזא געמאלט זיין, אז די גאנצע פארזארגונג פון די טורמעס זאל לכתחילה אויפגעבויט ווערען אויף דער ארבייט. אין דער לאנדווירטשאפט און האנדווערק, פון די ארעסטאנטען גופא.

די וויכטיגסטע אויפגאבע פון דער פריזאן ארבייט פון דעם שטאנדפונקט פון די געזעלשאפטליכע אינטערעסען איז די פראפעסיאנעלע בילדונג (וואקיישאנאל עדיוקיישאן) פון דעם ארעסטאנט. נאר אויף אזא אופן וועלן קענען די אומגליקלי־כע עלעמענטען, וואס זיינען געקומען צום פריזאן אויסנוצען זייער פריזאן־צייט אויף אויסצולערנען זיך א טרייד, כדי צו ווע־רען נארמאלע און נוצליכע בירגער נאכ־דעם, ווי זיי געהען ארויס פון טורמע. די ארבייטען, וועלכע פאסען זיך אם בעסטען צו די אינדיווידועלע (באזונדערע פעהיג־קייטען פון דעם מענשען, זיינען אבער גאנץ פארשיידען. ס'פאדערען זיך אלזא פילע פסיכאלאגישע און טעכנישע טעסטס אויסצוגעפינען צו וועלכער ארבייט א מענש פאסט זיך באזונדערס און וועלכען טרייד ער זאל נעמען לערנען. דאס דארף אויך געשעהן אין די פריזאנס, וואו די ארעסטאנטען קענען דורך גוטע מיטלען פארוואנדעלט ווערען פון א שווערער גע־זעלשאפטליכער לאסט אין ארבייטס פעהי־גע בירגער.

ביי היינטיגס טאג, ווען די פריזאן־אר־בייט איז אינגאנצען קאמערציאליזירט גע־ווארען און דער סטייט זוכט הויפטזעכליך צו קריגען וואס גרעסערע פראפיטען פון דער ארבייט פון די ארעסטאנטען, קען אבער נאר קיין רייד נים זיין וועגען א די־רעקטען נוצען פון דער דאזיגער ארבייט פאר דער פראפעסיאנעלער בילדונג. די ארגאניזירטע ארבייטער־מאסען דארפען אבער די פראגע שטענדיג באטראכטען פון אזא שטאנדפונקט און נאר אין אט דער ריכטונג ליגט דער וועג צו איהר לייזונג אין גייסט פון די ארבייטער אינטערעסען.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

דער טויט פון אײנעם פון די בויער און שאַ־פער פון דער אידישער ליטעראטור, פון דעם וואוילבאקאנטען שריפטשטעלער, מרדכי ספעקטאר, איז פאר אלע, וואס זיינען געקומען מיט איהם אין פערזענליכער באריהרונג, געווען א שטארקע איבערראשונג. ער איז געווען אין בעסטען זין פון ווארט א לעבעדיגער מענש. ער האט געלעבט מיט אלע זיינע חושים, כאטש ער איז שוין נים געווען פארהעלטניסמעסיג גאנץ יונג. קיין זאך איז איהם נים געווען פרעמד. מיט אלץ, וואס איז פארגעקומען אין געזעלשאפטליכען לעבען, האט ער זיך שטארק אינטערעסירט. ער האט געהאט דעם טעמפעראמענט פון אן אמת באגאבטען שריפט־שטעלער. זיין נאמען האט ער פארצייכענט אין דער אידישער ליטעראטור סיי מיט זיין נעצען־ברעכערישער ארבייט, ווען ער האט באטראטען די ליטעראַרישע ארענא, און סיי שפעטער, מיט זיינע ראמאנען און פילע אויפגאבען, פון וועלכע ער איז געווען דער לייטענדער גייסט.

אײן זאך מוז איך צוגעבען אונזערע קאמוניס־טען. זיי ווייסען ווי זיך צו ארווערטייזען. זיי ווייסען, ווי צו מאכען אונזערע צייטונגען, וואס זיינען אזוי זשערנע נאר א סענסאציע, צו ריידען פון זיי. די מעשה מיט די ביקסען און שווערדען, וואס די פאליציי האט געפונען ביי אונזערע רערעוואלוציאנערען, איז פונקט פון דעם סארט סענסאציעס. איך בין זיכער, אז זיי האבען זיך אליין פארה'מסר'ט ביי דער פאליציי, אום צו קרי־גען אן אויסגעצייכנעטע אדווערטייזמענט פאר זייער קאמוניסטישען מיטינג אין מעדיסאן סקווער גארדען. אט, ווען זיי וואלטען זייערע שמרשטיק, אויף וועלכע זיי זיינען א יי פעהיג, אויסגענוצט פאר עטוואס נוטעס, פאר עטוואס, וואס זאל זיין פון א בליי־בענדען ווערט, און נים פאר זייפען־בלאזען, זיי וואלטען ווירקליך עפעס נוטעס געקאנט אויפטאן. אבער אזוי ווי עס איז, זיינען זיי מיט אלע זייערע שמר־שטיק בלויז זשומענדע אײנטאגפלי־גען.

היינט, ווי געפעלט אייך די לעגענדע, דאס זיי, די ערפינדער פון „טשעקא" און פון דעם משונה־דיגסטען טעראר, וואס די וועלט האט אמאל גע־זעהן, האלטען זיך פאר די יורשים פון די גרויסע העלדישע פרייהייטס קעמפער, די קאמונארען פון 1871? זיי, די משונה'דיגסטע צענטראליסטען, זיינען די יורשים פון א לואיז מישעל, פון א ווארלען און די טויזענטע און טויזענטע אנדערע, וועלכע האבען די מענשליכע פרייהייט און אומאפ־העננינקייט, די אומאפהענגיגקייט פון דער פער־זאן, פון דער גרופע, פון דער שטאדט געשטעלט העכער, ווי אלעס אנדערע? עס איז אײנס פון די ביידע: אדער די גרעסטע אומוויסענהייט וועגען דעם תוך שטרעבען פון דער פאריזער קאמונע, אדער עס איז פשוט'ע חוצפה. אבער פון דעסט וועגען מוז איך זיי געבען קרעדים אפילו פאר דעם: אז די סאציאליסטען און די אנארכיסטען האבען נאר פארגעסען אז דער גרויסער פאריזער קאמונע, וואס איז אין דער ווירקליכקייט זייער ירושה, קענען די פסעוודא־קאמוניסטען עס אפרא־פריאירען פאר זיך...

לואי מילער, וועמען פילע האבען שוין בא־טראכט כמעט פאר טוים, האט די טאג באוויזען, אז ער האט נאך פיל פייער און לעבען אין זיך, מאכענדיג א פארזוך ארויסצוגעבען א נייע טעג־ליכע מארגען־צייטונג אונטער דעם נאמען „די נייע וואהרהייט". די פאר נומערען, וואס מיר האבען געזעהן, זיינען נים קיין זעהר געראטענע, אבער ווי זאגט דער אלטער חכם: כל התחלות קשות. פלאץ פאר א גוטער מארגען־צייטונג איז דא. אי־בערהויפט, ווען די צייטונג זאל ווירקליך רעכט־פערטיגען איהר נאמען. נאר פילע אלטע וואהר־הייטען האבען זיך ארויסגעוויזען אלס פשוט'ע ליגענס. די וועלט דורשט און נויטיגט זיך ווירק־ליך אין א נייער וואהרהייט. פון גאנצען הארצען ווינש איך ערפאלג דער נייער צייטונג, אויב זי זאל נאר טיילווייז ערפילען די גרויסע אויפגאבע, וואס זי האט זיך געשטעלט: נים צו געבען אונז די נייע וואהרהייט, נאר צו זוכען איהר.

איהר מיינט דאך אוודאי, אז עס איז ניטא אזא זאך, ווי א צופאל. האט איהר טאקע א גרוי־סען טעות. די זאך האב איך געלייענט אין דער צייטונג, אז שיער־שיער איז אונזער פרעזידענט קולידזש געווארען אן אפטייקער. מעהר נים, ער האט געהאט געוויסע פניות לגבי דער פרא־פעסיע פון אפטייקעריי; אן אפטייקער, פאר־שטעהט איהר מיך, מוז אויך אונטערהאנדלען מים בראנפען — און נעגען דעם האט זיין געוויסען פראטעסטירט. דער עלטערער קולידזש, אייגנע־הענדיג, וואס פאר א טייערען זון ער האט, האט ער איהם געשיקט, אנשטאט אין אפטייק, אין קא־לעדזש, און אזוי האבען מיר איצט אונזער גרוי־סען פרעזידענט, אונזער ענערגישען פרעזידענט, אונזער קאמף לוסטיגען פרעזידענט. אבער ווי־פיל האט געפעלט, אז מיר זאלען איהם נים הא־בען? וויפיל האט געפעלט, אז קולידזש זאל בלייבען אפטייקער? נאר, צוריק גערעדט, איז עס דאך נים אזוי. אזא גאון, ווי קולידזש, וואלט אונז נים געקאנט פארלארען גיין. דער זשעניע ברעכט זיך איבער דורך א וועג, ווי גרוים עס זאל־ען נים זיין די מניעות.

איך, פון מיין זייט, האב שטארק הנאה פון דעם פייט צווישען סענאט און פרעזידענט. ווארום דאס איז פאר מיר דער בעסטער באווייז, אז אמע־ריקא מיט אלע איהרע חסרונות איז פארט נים קיין דעספאטיע. דער פרעזידענט אליין קלייבט זיך אויס זיין מיניסטער, און עס איז שוין א מנהג משנים קדמונים, אז דער סענאט זאל צו־באסקען צו אלע פרעזידענט־אפאינטמענטס; פון דעסטוועגען געפינט דער סענאט דעם נויטיגען מוט און זאגען: ניין און ניין. איז עס דאך קלאר, אז דער סענאט האט דאך עפעס א שטיקל נשמה. און מיר געפעלט אויך קולידזש אין דעם פאל. אן אנדערער וואלט מורא געהאט פאר ליי־טישע געלעכטער, און וואלט זיך געמאכט נים ווי־סענדיג. קולידזש אבער באשטעהט אויף זיין „רעכט", און ער פייט. עס איז קלאר, אז דער פאל איז פארט נים קיין לעמעשקע. בקיצור, אויב איהר וועט באטראכטען דעם דאזיגען אינטערע־סאנטען דועל צווישען סענאט און קולידזש'ן פון דעם שטאנדפונקט, וועט איהר מוזען קומען צום שלוס, אז אמעריקא איז זיכער נים דאס ערגסטע לאנד אויף דער וועלט, ווי אונזערע אדמיש־רעוואלוציאנערען ווילען עס אונז אײנריידען.

איך האב די טעג געלייענט אין דער קאמו־ניסטיש בלעטעל אן ארטיקעל, אין וועלכען עס הייסט, דאס אלע לענדער, וואס ער, דער שרייבער, האט דורכגערייזט: ענגלאנד, פראנקרייך, דייטש־לאנד, זיינען שרעקליכע לענדער. מען קאן דארט נים אטעמען. פון אמעריקא איז דאך שוין גע־ווים נימא וואס צו ריידען. וואו ער האט זיך באמת דערקוויקט קערפערליך און גייסטיג, איז עס געווען אין רוסלאנד. דארט האט ער פשוט אויפ־געלעבט. גלויב איך איהם. אבער איין זאך איז מיר קשה. דער זעלבער מענש איז געקומען צוריק נאך אמעריקא! קאנט איהר עס פארשטעהן? איך — אסור!

די מעשה, דאס מען קאן איצט הערען דורך דעם ראדיא די מוזיק, וואס ווערט געשפילט אין קאנצערט, גלויב איך נים. אויסער א ביסעל טומעל האב איך גאר נים געהערט. אפשר איז מיין אלטע

קורצע שמועסן
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער :: ::

פיליפ קאהן, לאקאל 9. — אין אייער בריף וועגען היימאנ'ס ארטיקעל, ווידערהאלט איהר די זעלבע פאקטען און ארגומענטען, וועלכע איהר וועט געפינען אין די צוויי בריף פון די ברי־דער קורצמאן און פארטנאי, אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". פונדעסטוועגען איז אייער בריף, ווי פון פילע אנדערע, וועלכע האבען צו אונז גע־שריבען, פון א גאנץ גרויסער באדייטונג ; זיי באווייזען מיט א קלאהרקייט, וואס קען ניט באַ־צווייפעלט ווערען, ערשטענס, דאס ברודער היי־מאַנ'ס בריף האט ארויסגערופען דעם צארן — און לויט אונזער מיינונג, דעם גערעכטען צארן — פון נאר א גרויסען טייל פון דער מעמבערשיפ פון לאקאל 9, און, צווייטענס, ווייל אלע ברענגען ד י י ע ל ב ע פאקטען. און וואס זיינען די פאקטען אין קורצען ? אט וואס : ערשטענס, האט היימאן די גאנצע צייט געהאל־טען אין איין ליארמען געגען די העכערונג פון דיוס. צווייטענס, האט ער דאס אלעס געטאן ניט, ווייל ער האט געגלויבט, אז די דיוס דארפען ניט געהעכערט ווערען. פונקט פארקערט. ווי עס ווייזט זיך ארויס קלאר, האט ער גאנץ גוט גע־וואוסט, אז די העכערונג פון די דיוס איז העכסט נויטיג. דער גרויסער דעפיציט פון לאקאל האט דאך איהם געשטאכען אין די אויגען. ער האט געוואוסט, דאס די עקספענסעס פער מעמבער זיי־נען 52 סענט פער וואך, און ווען די מעמבער־דיוס איז בלויז 35 סענט, קען דאך א קינד אויס־רעכענען, דאס דער דעפיציט פער מעמבער פער וואך איז 17 סענט. טא פון וואנען זאל דער לא־קאל נעמען צו דעקען דעם דעפיציט ? עס איז ניטא קיין אנדער מיטעל, ווי נאר צו העכערען די דיוס. דאס אלעס האט היימאן געוואוסט. און דאך האט ער געוואלדעוועט, דאס ער איז געגען. ווארום האט ער — מילד גערעדט — אזוי ניט ארענטליך געהאנדעלט ? און אויף דעם איז דא נאר איין ענטפער : ער האט אזוי געהאַנ־דעלט, ווייל ער האט געוואוסט, דאס נאר צו פאררעכענען דער אגיטאציע געגען די דיוס־הע־כערונג קען ער אויסערוועהלט ווערען אלס מע־נעדזשער פאר נאך א טערמין. נו, דאס רופט מען פאליטיקס. אבער, וואס טוט ער איצט ? דער לאקאל קען דאך ניט עקזיסטירען מיט די איצטיגע דיוס ! ווערט היימאן א חכם און קערט איבער דעם פעלץ. ער מאכט א געוואלד, אז דאס זיינען זיינע געגנער, וועלכע שטערען איהם אין דער דורכפיהרונג פון א דיוס־העכערונג. פאר־שטעהט זיך, אז די, וועלכע האבען ניט געשפילט קיין פאליטיק, און האבען גערעדט פאר די דיוס־העכערונג, כאטש זיי האבען געוואוסט, ווי אונ־פאפולער זיי מאכען זיך דערמיט ביי א טייל פון דער מעמבערשיפ, זיינען שרעקליך אויפגע־בראכט געגען די איצטיגע היימאן־טאקטיק... נאך ערגער אבער איז, וואס היימאן וויל אריינשטעל־כען א מעסער אין רוקען פון דער אינטערנע־שאנאל. ער שרייבט : „אט דיזע פערזאנען זיי־נען עס ביז יעצט ביי דער אינטערנעשאנאל און ביי דער דזשאינט באארד פאררעכענט אלס די לאיאלסטע און אנגעזעהענסטע מיטגלידער"... דאס איז ווירקליך אונערטרעגליך. וועגען דעם קען מען שוין מיט איהם ניט דעבאטירען. ער דארף פשוט גערופען ווערען צו פאראנטווארט־ליכקייט. אדרבה, זאל ער באווייזען מיט פאקטען זיין באשולדיגונג, אויב ער קען. אלזא, מעהר וועגען דעם ענין איז איבעריג. די גאנצע אנגע־לעגענהייט איז פאלשטענדיג קלאר : אונזער ברו־דער היימאן האט זיך שטארק פארפלוטעט. ער איז אין א זעהר שלעכטער לאגע, אין וועלכער ער האט זיך אליין געבראכט דורך זיין זעהר אומ־געלומפערטער און זעהר מיאוס'ער פאליטיק, וועל־כע פאסט זיך נארניט פאר א מענעדזשער פון א יוניאן.

די שאפ־קאמיטע. — אייער בריף קענען מיר ניט פארעפענטליכען, ווייל איהר האט פאר־פעהלט צו געבען א ו נ ז אייערע נעמען. אבער אייער מיטטיילונג איז ווירקליך משיקאווע. מיר הערען עס צום ערשטען מאל, אז איינער, וועל־כער איז אויסערוועהלט געווארען אלס ביזנעס איידזשענט, זאל געהן צוריק אין שאפ ארביי־טען. מיר האבען אימער געגלויבט, דאס דער חשק צו א יוניאן־אמט ביי דעם ארבייטער איז שטארק פארבונדען מיט דעם נאך גרעסערען חשק פטור צו ווערען פון שאפ. קומט איהר און דער־צעהלט אונז, אז מיר האבען צווישען אונז א ביזנעס איידזשענט, וועלכער קלינט זיך צו טאן ביידע זאכען מיט אמאל : אי ער ארבייט אין שאפ און אי ער איז א ביזנעס איידזשענט גלייכ־צייטיג. משמעות, דער בחור קריגט ווידזשעס אי' פון דער יוניאן און אי' פון זיין באלעבאס. ווירקליך, אינטערעסאנט. מיר וועלען אייער בריף איבערגעבען אין די ריכטיגע הענט פאר א גרינד־ליכער אונטערזוכונג. מיר מוזען אבער אייך זא־גען, דאס מיר שענקען וועניג גלויבען צו אייער שרייבען. און נאר דערפאר, ווייל איהר האט זיך ניט אונטערגעשריבען מיט אייערע נעמען, ווי דאס מוז זיין אויף יעדען בריף, וואס ווערט געשיקט אין דער רעדאקציע.

נ. ב. נאך דעם, ווי דער ענטפער צו אייך איז שוין געווען אנגעשריבען, האבען מיר אויסגעפונען, דאס ברודער פיינבערג, מענעדזשער פון דזשאינט באארד, האט פריהער ווי איהר האט צו אונז געשריבען, געוואוסט וועגען דער גאנצער אנגעלעג־נהייט, און אויך געהאנדעלט. ס'ווייזט זיך ארויס, אז דער נייער ביזנעס איידזשענט האט ניט גע־קענט אזוי שלעכט, ווי עס זעהט אויס, איבער־

אויף, כאטש זיין האנדלונג איז געווען א זעהר אומבארעכענטע.

ה. סאלצבערג, פ. רודניצקי און אנדערע. — זעהט אונזער ענטפער צו פ. קאהען. מיר האל־טען אבער פאר נויטיג צוצולייגען נאך א פאר ווערטער : זיכער האט איהר נעדארפט ענטפע־רען אויף היימאנ'ס באשולדיגונג און קלאר מא־כען דעם גאנצען בלבול אויף א היבשען טייל פון דער מעמבערשיפ, אבער אונז דאכט זיך, דאס עס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט, דאס די יוניאן זאל פארהאנדלען אויף איינעם פון איהרע מיטינגען העכסט גרינדליך די דאזי־גע אנגעלעגענהייט. א סוף מוז געמאכט ווערען צו א לאגע, אין וועלכער איין טייל פון דער מעמבערשיפ זאל קענען פון וועמען־עס־איז אויס־געשפילט ווערען געגען דעם צווייטען.

ל. פאלעי. — מיר קענען אפסור פארשטעהן, וואס האט אייער דאנק צו גוזמאן, עטהאַלץ און פיש, פאר העלפען אייך אין אייער שאפ־סטרייק, צו טאן מיט דעם, וואס איהר האט אכט טעכטער, אהן עין הרע, און צוויי באַיעס. און צו וואס טויג אייך די גאנצע איבעריגע מליצה ? וואַ־רום ניט שרייבען קורץ און איינפאך : איך, דער טשערמאן פון פאבי־אש־ראקס און קאמפאני, דאנק די און די פאר אלץ וואס זיי האבען געטאן. דאס איז פאלשטענדיג גענוג, און דאס וואלטען מיר זיכער פארעפענטליכט אהן שום שאלות. — און אז מיר האלטען שוין ביי דעם ענין, ווילט זיך אונז זאגען : ... גוט און אנגענעם ווי עס איז פאר די בעאמטע צו קריגען א דאנק — נאטירליך, פיל אנגענעמער, ווי הערען געזידעלט, — פונ־דעסטוועגען, וואלט עס נאך בעסער געווען, ווען די אלע דאנק־זאגער וואלטען געהאלטען פאר נויטיג אויסצודריקען זייער דאנק, געמעדניג א שטארקען אינטערעס אין דער יוניאן און ניט דערלאזען אלערליי אונפאראנטווארטליכע עלע־מענטען צו שאלטען און וואלטען אין איהר.

ג. — מיר האבען ליידער ביז איצט ניט גע־קאנט זיך אויסקלייבען צו ערפילען אייער פאר־לאנג. וואלט ניט געווען מעגליך פאר אייך צו באזוכען אונז אין אונזער היים וועלכען עס איז אווענד ? ביי א גלעזעל טיי וואלטען מיר ווירק־ליך זיך געקאנט דורכריידען און פארשטעהן זיך בעסער, ווי אין אפיס.

פיפעלס רעליף בוך־קאמיטע. — מיר הא־בען ערהאלטען אייער בוך, אין וועלכען איהר גיט אפ א זעהר קלארען און פולען באריכט פון אלע אייערע אויפטואונגען פאר די לעצטע עטליכע יאהר, פאר'ן היסטאריקער פון אייער און דער אל־געמיינער אידישער הילף־ארבייט פאר די מלחמה־קרבנות אין יורופ, איז דער בוך פון זעהר גרוי־סען ווערט. מיר גלויבען אבער קוים, דאס איר־גענד א פריוואט־מענש וועט האבען די געדולד און דעם ווילען איבערצולייענען דעם גאנצען מא־טעריאל, מיט וועלכען דער בוך איז אנגעפיקע־וועט. דאס מיינט ניט, נאטירליך, אז איהר האט דעם בוך ניט געדארפט ארויסגעבען. ביינו פאר די הונדערטע מענשען אליין, וועלכע הא־בען פון צייט צו צייט מיטגעהאלפען אין דער הילף־ארבייט פאר די אידען אין רוסלאנד, פוי־לען, עסטרייך, און אנדערשוואו, איז שוין נויטיג געווען ארויסצוגעבען דאס בוך. אין אלגעמיין זיינען מיר פון דער מיינונג, דאס אזא ארבייט, ווי אייערע, האט געדארפט פארשריבען ווערען, אזוי, אז זי זאל ניט קענען פארגעסען ווערען. ווען מיר וועלען נאר האבען איבערגעלייענט דאס גאנצע בוך, וועלען מיר עס באטראכטען פאר אונ־זער פליכט צו געבען א גאנץ גרינדליכען אי־בערבליק וועגען איהם. עס איז דאך איינער פון די שענסטע קאפיטלען אין דער געשיכטע פון דער אידישער פאלקסטעטיגקייט אין אמעריקא.

ב. צאלקאווסקי. — איהר מאכט א גרויסען פעהלער, אונז פארוואַרפענדיג, אז מיר האבען מיט יענעם עדיטאריעל ווידערשפראכען זיך אין אלץ, וואס מיר האבען פריהער געשריבען. מיר זיינען איצט, ווי פריהער, פון דער מיינונג, אז אונזער יוניאן קען זיך ניט פארגינען צו ביי־טען איהרע בעאמטע צו אפט. ערשטענס, ווייל מיר האבען נאך ניט אזא איבערפלוס אין פע־היגע מענשען, אז מיר זאלען קענען רעכענען דאס, ווער ס'וועט נאר אויסערוועהלט ווערען, וועט ער טאן גוט און געוויסענהאפט זיין ארבייט. אלע, וועלכע האבען די מינדעסטע ידיעה, סיי וועגען דעם פארהאנדענעם מענשען־מאטעריאל אין דער יוניאן, און סיי, וועגען דעם, וואס א יו־ניאן־בעאמטער האט צו טאן, וועט צוגעבען, דאס מיר זיינען פאלשטענדיג גערעכט מיט אונזער מיינונג. צווייטענס, איז עס א פאקט, דאס עס נעמט א לענגערע צייט, ביז אן ארבייטער פון שאפ, וועלכער ווערט אויסערוועהלט צו א וועל־כען עס איז יוניאן־אמט, ווערט „איינגעבראכען" און קען טאן זיין ארבייט ריכטיג. דערפאר צו נעמען אזעלכע מענשען, וועלכע האבען שוין גע־קראגען די נויטיגע ערפאהרונג, וואס דאס האט אפגעקאסט דער יוניאן א היבשע מטבע, און זיי אלע מאל אויסבייטען אויף נייע, איז א זעהר שלעכטער פלאן. א קאנזעקווענטע דורכפיהרונג פון אזא פלאן וואלט געמוזט ווירקען העכסט שעדליך אויף דער יוניאן. פון דער אנדערער זייט איז אבער דא די געפאהר, דאס מאנכע יוניאן בעאמטע, וועלכע שטעהען אין אמט עטליכע יאהר, זאלען אנהויבען פארנאכלעסיגען זייערע פליכ־טען, גלויבענדיג, אז זיי האבען שוין א חזקה אויף זייער אמט. עס קען אויך פאסירען, דאס זיי זאלען מיסברויכען אין גרעסערע און קלענע־רע זאכען מיט דעם צוטרוי, וואס די יוניאן האט זיי געשענקט. ווען עס קומט שוין אזוי ווייט, איז עס די פליכט פון דער יוניאן ניט צו דול־דען עס, און געבען צו פארשטעהן גאנץ קלאר אזא באאמטען, דאס אזוי קען עס ווייטער ניט געהן. ער מוז אדער זיך נעמען אין אכט, און אויספיהרען דעם ווילען פון דער מעמבערשיפ אדער ער מוז געהן. אין דערזעלבער צייט אבער האבען מיר געזאגט, און מיר ווידערהאלען עס נאך אמאל, דאס עס קען קיינמאל ניט קומען צו אזא

מיסברויכען פון מאכט פון דעם אדער יענעם בע־אמטען, ווען עס זיינען דא אין אונזערע פיה־רענדע קרייזען גענוג שטארקע און פעהיגע מענ־שען איהם אפצושטעלען אין צייט, איידער עס ווערט צו שפעט. ווען איהר וועט איבערלייענען אלעס, וואס מיר האבען געשריבען צו פארשידע־נע געלעגענהייטען וועגען דעם ענין, און ניט פארלאזען זיך אויף אייער זכרון, וועט איהר געפינען, דאס מיר זיינען אין יענעם עדיטאריעל געווען קאנזעקווענט און אויסגעהאלטען.

ר. יערוסאלימסקי. — מיר האבען מיט דעם עדיטאריעל פון לעצטע וואך וועגען דעם סטרייק פון די וואיט גודס וואָרקערס און טשילדרען דרעסמאכער ניט אויסען געווען קיין אנדער זאך, ווי נאר דאס, וואס מיר האבען ארויסגעזאגט גאנץ קלאר, אז די צייט צו ארגאניזירען די ארבייטער דורך א סטרייק, איז אוועק. וועני־גסטענס איז עס ריכטיג אונטער די איצטיגע אום־שטענדען. מיר האבען קיין זאך ניט פרובירט פארגלייכען אדער פארדעקען. דער סטרייק, וואס אנבאטרעפט די יוניאן שעפער, איז געווען אן ערפאלג. די ארבייטער האבען פארלאזען זיי־ערע שעפער, האבען זיך ארויסגעוויזען אלס גוטע, בראווע סטרייקער, האבען זיי פאר זיך אויסגע־פיהרט געוויסע פארבעסערונגען אין זייערע שע־פער. דאס איז א פאקט, און מיר האבען קיין גרונד ניט געהאט וואס־עס־איז צו פארשווייגען. איבערהויפט מוז איהר פארשטעהן, אז ווען מיר וואלטען געוואלט אפילו עטוואס פארשווייגען, וואלטען מיר ניט געקענט. די איבעריגע פרעסע, וועלכע אונזערע מעמבערס לייענען גאנץ פליי־סיג, וואלט זיי שוין אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם. א חוץ דעם, ווי וואלטען מיר געקאנט איינ־ריידען די מעמבערשיפ פון לאקאל 62 און לא־קאל 91, אז זיי האבען עטוואס געוואונען, ווען דאס וואלט געווען ניט אמת ? זיי וואלטען גע־מוזט פאראכטען זייער איינענע צייטונג, און זיי וואלטען רעכט געהאט. אלזא, מיר האבען גאר־ניט פארשוויגען און גאר ניט פארדרעקט, און אייער זוכען צווישען די שורות און געפינען דארט עטוואס, וואס איז גאר ניטא, איז א סימן, דאס איהר ליידט פון דער זעהר געפעהרליכער קראנק־הייט קיינעם ניט צו טרויען, און אלעם פארדעכ־טיגען. פאר א מענשען, וואס ליידט פון אזא קראנקהייט מוז זיין זעהר שווער צו לעבען אויף דער וועלט. דער נארמאלער מענש האלט ניט די גאנצע וועלט פאר גנבים און ליגנער. דער נארמאלער מענש וועט ניכער שענקען צוטרוי זיינע מיטמענשען, ווי האלטען זיי אין איין פאר־דעכטיגען. טרייט, ווי ווייט מעגליך, אפצוגעוועה־נען זיך פון אויסטייטשען אלעס צום שלעכטען. עס וועט זיין געזינטער פאר אייך, פאר אייערע מיטמענשען און פאר אייער יוניאן.

ב. ס. — מיר האבען, ווי מיר האבען אייך פארשפראכען, גערעדט מיט איינינע מענשען : אבער, ווי עס איז געווען צו ערווארטען, האבען מיר נארנים געקענט פועל'ן. דער אלגעמיי־נער ענטפער איז געווען : „מיר האבען א י י ־ ג ע נ ע, יוניאן־מעמבערס : די מוזען קומען צוערשט. און עס וואלט געווען אן אונרעכט געגען די איינענע, צו וועמען מיר פיהלען זיך פארפליכטעט, אוועקצונעהמען פון זיי דאס מינ־דעסטע, — און העלפען איינעם, וואס איז שוין לאנג, לאנג אויס יוניאן־מעמבער, כאטש ניט איי־גענער צוליב זיין שולד".

אנערקענונגס־רעזאלוציע.

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכ־טיגקייט" :

אלס מעמבערס פון דער קלאוקמאַ־כער יוניאן, ווילען מיר אויסדריקען אונ־זער דאנק צו אונזער געוועזענעם ביזנעס־אגענט, ברודער טשארלס אראנסקי, און מיר האפען אז איהר וועט עס פאר־עפענטליכען.

י ו נ ה ט ש א ר נ י,
מעמבער פון לאקאל 2.

אט איז די רעזאלוציע :

מיר, די ארבייטער פון סטאין און סאוויצקי, 16 איסט 12טע סטריט, באַ־דאנקען אונזער געוועזענעם ביזנעס־איידזשענט, ברודער טשארלס אראנסקי, פאר זיין גוטער ארבייט. וואס ער האט פאר אונז געטאן, און מיר ווינשען איהם ערפאלג אין זיין נייעם דיסטריקט, אז אויך דארט זאל ער טאן אזעלכע גוטע ארבייט ווי ביי אונז.

י. ט ש א ר נ י, לאק. 2
טשערמאן.
ל. מ א ס ס, לאקאל 9.
ל. ר א ב י נ ע ו ו י ץ, ל. 2.

וואס פאר א סארט מענש איז גאמפערס געווען ?

(שלום פון זויט 9).

די ראדיקאלען אין דער ארבייטער באווע־גונג, די אויסשיידיגע ליבעראלען און רעפארמער, וועלכע „מישען זיך אריין", און די גייע יוניאניסטען, זינט יעדער מלחמה האט זיין אנטי־אינטעלעקטשועלע שטעלונג זיך אנטוויקעלט אין א משונה־דיגען האס צו יעדען מיט א סיסטעמאַ־טישער בילדונג, וואס האט גענומען אן אינטערעס אין דער ארבייטער באוועגונג. סיידען ער איז א גערונגענער „עקס־פערט". די דאזיגע שנאה צום געביל־דעטען מענשען איז געווארען אלץ גרע־סער, ווייל ער האט אינסטינקטיוו גע־פיהלט, דאס די ארבייטער באוועגונג איז איבערגעוואקסען די פרימיטיווע קראפט־פאזע ; דאס זי איז געווארען א לע־בענס־זיוגג ; דאס די פערציג יאהר אין דער ווילדערנים קומען צו א סוף, און דאס זיין פיהרערשאפט מוז זיך ווען עס איז ענדיגען. זיין איינענע צייט איז געווען ווירקליך פון דעם אנפאנג פון די אכציגער יאהרען פון לעצטען יאהרהונ־דערט, ביז אונזער אריינטרעטען אין דער מלחמה. זייט דאן האט ער געפיהלט אין זיך דעם קאמף צווישען דאס נייע און דאס אלטע. ער האט זיך געהאל־טען פאר צו גערעכט, אז ער זאל אפילו זיך אליין צוגעבען, דאס ער קען זיין אומגערעכט. אבער, ווי אלע פאלקאמע־נע טאקטיקער, האט ער געהאט אן אי־נערליכען צענזאר, וועלכער האט איהם געווארענט, ווען זיינע געגנער האבען אויסגעדריקט די עכטע אומרוהיגקייט אין דעם רענק־ענד־פייל. און אין די לעצטע עטליכע יאהר האט ער אליין אינספירירט איינינע רעפארמען געגען זיין איינענע ארטאדאקסיע. ווען די טרייד־יוניאנס זיינען געווארען שוין צו ברודער־מערדערליך אויטאנאם, האט ער מאנעווירירט, אז די „פראגרעסיווע" זאלען אויספיהרען די איינפיהרונג פון פארשי־דענע אינדוסטריעלע „דעפארטמענטס" אין דער פעדעריישאן. דיזע „דעפארט־מענטס" זיינען בלויז קלירינג־הייזער פאר אלע טריידס אין איין אינדוסטריע. אבער זיי האבען איינגעשטילט דעם וואונש פון דער רענק־ענד־פייל פאר א שטארקערע מיטארבייטערשאפט, און די פיהרער האבען דערביי ניט פארלארען זיי־ערע דזשאבס דורך די פארשמעלצונג פון זייערע יוניאנס.

ווען אין דעם לעצטען פרעזידענט־קאמפיין האט עס אויסגעזעהען, אז די אנהענגער פון אן אומאפהענגיגער פאלי־טישער אקציאן געווינען אין מאכט, האט גאמפערס „אומפארטייאיש" אינדאסירט לאפאלעט'ען, צו וועמען ער איז געווען צוגעבונדען דורך אמת'ע פריינדשאפט. וואלט לאפאלעט געוואונען א שטארקען קאנגרעס בלאק, וואלט גאמפערס געווא־רען מיט דעם געווינער. אבער, ווי עס האט פאסירט, האט גאמפערס געקענט צוקלאפען פאלשטענדיג זיינע קאציאַ־ליסטישע און אנדערע דריטע פארטיי אפאנענטען אויף דער לעצטער קאנווענ־שאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, וואו ער האט אויסגעפאכטען זיין לעצטען קאמף. אבער, צי ער האט אטאקירט, אדער ער איז צוריקגעטרא־טען, האט ער אימער געקעמפט אזוי, אז ער זאל ארויסקומען דער זיגער. און עס איז געווען א פארגעניגען צוצוזעהן זיין מעטאדע אין קאמף, און אלעס אין דער איבערצייגונג, דאס אזוי לאנג ווי ער וועט קענען אזוי קעמפען, איז דער ארבייטער אין אמעריקא זיכער.

זיין קאמף געגען קאפיטאל און דעם געריכט האט געפאדערט וויינינער שארפ־זיניגקייט. דערצו זיינען נויטיג געווען צוויי אייגענשאפטען : מאראל און פלייסיגקייט, און די ביידע האט ער געהאט מעהר, ווי גענוג.

שוואכע מענשען

וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אבפיהר־מיטלען זאלען נעהמען

עקס־לאקס

געשמאק אין טעם ווי א טהייערער קאנפעקטור

עקס־לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען און שמערצען. דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלעמען, קליין און גרויס.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

א רעכט, וואס דארף זיין א פליכט ::

(וועגען דעם צושטאנד פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין פוילען)

פון ב. מיכאלעוויטש

געשיכטליכע סיבות האבען גורם גע-
וועזן, אז דער פראצענט פון די פראדוק-
טיווע עלעמענטען ביי אידען זאל זיין
נישט א בעריג גרויס, באזונדערס קליין
איז ביי זיי די צאהל פון קוואליפי-
צירטע, געשולטע פראלעטאריער.

דאס גיט אונזערע „פראגרעסיווע"
אנטיסעמיטען א פתחון פה צו שרייען,
אז אלע אידען זיינען שווינדלער, ספעקו-
לאנטען, פאראזיטען. די קליינע צאהל
אידישע בעלי־מלאכות און פראלעטא-
ריער איז נישטיג און באדייטונגסלאז
לגבי דער גרויסער אידישער הענדלער און
פארמיטלער מאסע.

דעם אמת מוז מען זאגען, אז אויך
אונזערע „רעפרעזענטאנטען", סיים־דע-
פוטאטען, זשורנאליסטען און אלע איבע-
ריגע קהל'שע שלאסטען־שמשים, העלפען
שטארק מיט די דאזיגע אנטיסעמיטי-
שע טענות דערמיט, וואס פון יעדער עקאנא-
מישער פראגע, וואס האט א שייכות
צו סוחרים אלס א סאציאלע גרופע, מא-
כען זיי תמיד א נאציאנאלע פראגע, א
כל־ישראל ענין. דאגעגען פארשרייען
זיי יעדען פארשלאג, וואס איז ווירקליך
געוואונערט לטובת די קאנזומענטען אין
ארבייטענדיגע אלס א געפערלאכען. אלס
א שעדליכען פאר דער גאנצער אידי-
שער נאציע (די לעצטע צוויי ביישפילען
מיט'ן 10־שעה'דיגען ארבייטס־טאג אין
קאמף געגען ליכוע).

צי ווערט דען נישט צוליב דעם
נאך מעהר פארפעסטיגט די מיינונג וועגן
דער אומפראדוקטיוויטעט אין פא-
ראזיטישקייט פון גאנצען אידישען פאלק
אלס אזעלכען?

די נאלעווקער געוועלבער און די
גענשער שילדען פארשטעלען מיט זייער
צעלייגטער רחבות די ארעמע הייפען,
די פאציאטקעס און לעבער, וואו עס
מאטערען זיך, פארגיסען שווייס און עס
הונגערן טויזנטער אידישע פראלע-
טאריער.

די סוחרישע קולות און די מארק-
געשרייען אויף די אידישע קלעפ פון די
האמערס, דעם גערויש פון די מאשינען
און דאס קנאקען פון די אידישע בוי-
דעמער און קעלערס.

אבער מען דארף נישט זיין קיין צו
איבערגעשפיצטער פאליטיקער, כדי ניט
צו נעמען ערנסט די אלע טענות און
פרעטענזיעס פון אונזערע „פראגרעסי-
ווע" אנטיסעמיטען צו די אידען. די
פאלשקייט און צביעות פון די אלע פרע-
טענזיעס שווימען ממש ארויף ווי בוי-
מעל אויפ'ן וואסער.

וואלטען די פוילישע פאליטיקער
באמת אויסען געווען צו באקעמפען די
צו גרויסע פארמיטלעריי אין פוילען,
וואלטען זיי געדארפט זוכען מיטלען,
ווי אזוי צו פראדוקטיוויזירען די אידישע
מאסען, ווי אזוי זיי איבערצופירען פון
די אומנוצלאכע און אומפראדוקטיווע
באשעפטיגונגען צו מלאכה און ארבייט.

אבער נישט די רעגירונג אין נישט
די קרייזען, וואס שטעהען הינטער איהר,
האבען זיך קיינמאל מיט אזעלכע פראגען
נישט פארנומען, האבען זיך קיינמאל
נישט וועגען דעם אפילו ניט פארטראכט.
פון זייערע אלע טענות שרייט ארויס
א קנאה־יללה פון קאנקורענטען, וועלכע
וואלטען וועלען איבערנעמען די פאר-
כאפטע פאזיציעס; די גאנצע פראקטי-
שע פאליטיק, וואס ווערט געפירט קעגען
דעם „האנדעל" צילט בלויז דערצו, כדי
אוועקצולייגען די אידישע קאנקורענטען
און ארויסהעלפען דעם „אייגענעם", דעם
אויפגעקומענעם פוילישען ספעקולאנט
און פאסאזש.

באזונדערס בולט קומט די דאזיגע
צביעות צום אויסדרוק אין דער באצי-
אונג צו אידישע פראלעטאריער, צו אי-
דישע ארבייט, לא דאי, וואס זי ווערט
נישט אונטערגעהאלטען און פאר-
שטארקט, ווערט נאך אלץ געטאן, כדי
צו פארקלענערען די צאהל אידישע אר-
בייטער, כדי זיי ארויסצורייסען פון
דער פראדוקציע, כדי זיי צוריק אריינ-
צוווארפען אין די קרייזען פון הענדלער
און לופט־מענשען.

פאר אידישע ארבייטער זיינען פאר-
שלאסען אלע מלוכה'שע און קאמונאלע
אונטערנעהמונגען: ביים אננעמען אר-
בייטער רעכענט מען זיך דארטען נישט
בלויז מיט זייער ארבייטספעהיגקייט און
קענטנישען, נור אויך מיט זייער נאציא-
נאלער אנגעהעריגקייט. מעג עס זיין
דער בעסטער, קוואליפיצירטסטער אר-
בייטער, אויב אבער ער איז א איד, האט
ער נישט קיין צוטריט צום ווארשטאט,
איז פאר איהם פארבאטען דאס איבער-
טרעטען די שוועל פון דער רעגירונגס-
פאבריק.

אין דער צייט פון דער דייטשער
אקופאציע האט זיך הונדערטער אידישע
ארבייטער איינגעגעבען זיך צוצוקריגען
צו דער ארבייט אין די אייזנבאנען און
עהנליכע מלוכה־ארבייטען. איז איצט
כאטש איין ארבייטער פארבליבען אויף
זיין פאסטען?

איינע פון די ערשטע ארבייטען פון
דער פוילישער אומאבהענגיגער מלוכה
איז געווען צו באזייטיגען, אויסצוווי-
כערען און ארויסצוטרייבען די אידישע
ארבייטער פון אלע מלוכה־אונטערנעה-
מונגען און איינריכטונגען, צו מאכען די
לעצטע פאר „אידעדריין". איז עס גע-
טאן געווארען מיט'ן צוועק צו פארקלע-
נערען די „פארמיטלעריי", צו באקעמפען
דעם האנדעל? האבען דען דאדורך
צעהנדלינער פון די אפגעזאגטע ניט
פארגרעסערט מיט זיך די אזוי אויך
גרויסע מחנה פון לופט־מענשען און
פרנסה־זוכער?

אדער נעהמט די פראגע מיט'ן „מא-
נאפאל". אין איינציגע ארבייטס־צוויי-
גען, ווי טאבאק, למשל, איז דורכגעפירט
געווארען א מלוכה־מאנאפאל. די מלוכה
האט אבגענומען ביי די פריוואטע קא-
פיטאליסטען דאס רעכט (אגב, פאר א
גוטען שכר) צו עקספלואטירען די דא-
זיגע פראדוקציע־געביטען און זי איז
דארט אליין געווארען די געשעפטס־פיה-
רערין.

קאן מען אין פרינציפ קעגען דעם
נאר נישט האבען.

אבער ווי אזוי ווערט דאס דורכגע-
פיהרט אין דער פראקטיק? ווי נאר
דער אדער יענער ארבייטס־צווייג געהט
איבער אין רעגירונגס־מאנאפאל, ווערט
שוין ביי די אידישע ארבייטער אפגע-
נומען זייער רעכט — נישט אויף עקס-
פלואטאציע, — נור אויף ארבייט, זייער
רעכט עקספלואטירט צו ווערען, זייער
רעכט צו פראדוצירען און שאפען.

אלץ שמעלער ווערט דער קרייז פון
אידישע ארבייטער אין די מאנאפאלי-
זירטע טאבאק־פאבריקען, אלץ גרעסער
ווערען די נגישות צו די איבערגעבליבע-
נע; ס'ווערט געפיהרט אזא פאליטיק,
אז ס'זאל אין די דאזיגע רעגירונגס-
„פלאצאוועקעס" קיין איין אידישער אר-
בייטער ניט פארבליבען. ס'ווערט אלץ
געטאן, כדי נאך קלענער צו מאכען די
צאהל פראדוקטיווע עלעמענטען ביי אי-
דען.

דא דארף ווידעראמאל אנגעוויזען
ווערען, אז אויך אין דעם פרט העלפען
די אידישע בורזשואזע קלאסען שטארק
מיט דער אנטיסעמיטישער פאליטיק פון
אונזערע רעגירענדיגע קרייזען.

אידישע ארבייטער ווערען נישט אנ-
גענומען, אידישע ארבייט האט ניט קיין
צוטריט אויך אין גענוג ווארקשטאטען
פון אידישע פאבריקען. נישט איין ציו-
ניסטישער פאבריקאנט און נאציאנאליס-
טישער כל־ישראל עסקן לאזט ניט ארי-
בער איבער די שוועל פון זיין פאבריק
קיין אידישען ארבייטער. דאס גיט ווי-
דער א פתחון פה די פירער פון דער
אנטיסעמיטישער פאליטיק צו טענה'ן,
אז אידען זיינען ניט פעהיג צו ארבייט,
צו פראדוקציע. דער בעסטער סימן, אז
אפילו אידישע פאבריקאנטען ווילען
אויך ניט באשעפטיגען קיין אידישע
ארבייטער.

אבער דאס איז ניט קיין סטיכי-
שער פראצעס, געגען וועלכען עס איז
אונמעגליך יעדער געראנגעל און אפ-
וועהר. דאס איז ניט קיין אביעקטיווער
גזר־דין פון דער עקאנאמישער אנט-
וויקלונג, וואס האט פאר'משפט די אי-
דישע ארבייטער צום אונטערגאנג.

מיר האבען דא צו טאן מיט א
גאנץ באוואוסטזיניגען פלאן, דאס זיינען
גאנץ סוביעקטיווע מעשים פון אנטיסע-
מיטישער פאליטיק. און קעגען פאלי-
טיק קאן און מוז ארויסגעשטעלט ווערען
א קעגען־פאליטיק, אן אפוועהר־פאליטיק
פון די יעניגע, קעגען וועמען די קלעפ
זיינען געווענדעט.

דער אידישער ארבייטער־קלאס אין
פוילען קאן ניט און טאר ניט צו קוקען
פאסיוו, ווי מען רויבערט איהם אויך פון
דער פראדוקציע. ער טאר ניט ווארטען
אויף דעם מאמענט, ווען אים וועט אויס-
קומען צו נעמען א זאק אונטער'ן ארעם
און שרייען איבער די הויפען: „האנדעל,
האנדעל!" ער ווייס, ווי צו שעצען זיין
פראלעטארישען בארוף און ער וועט זיך
ניט לאזען אזוי לייכט ארויסשטויסען
פון די ערווארבענע ארבייטס־פלעצער.

דער אידישער ארבייטער־קלאס מוז
איצט ארויסווייזען די גרעסטע ענטשיי-
דענקייט, די ענערגישסטע ענטשלאסענ-
קייט, מאכען די שטארקסטע אנשטרענ-
גונגען פאר זיינע „פראלעטארישע
רעכט", וואס מען וויל ביי אים איצט
אוועקרויבען.

די פאליטישע פארטייען, די פראפע-
סיאנעלע פאראיינען, מאסען־אקציעס,
פראטעסט־מיטינגען, — אלץ מוז גע-
לאזט ווערען אין גאנג, כדי דער קאמף
זאל באמת ווערען אן אימפאזאנטער, אן
ערפאלגרייכער. דאס איז א פראגע ווע-
גען קיום פון אידישען ארבייטער־קלאס,
פון זיין אדער ניט זיין.

מיר מאכען זיך ניט קיין אילוזיעס.
מיר לייגען זיך ניט קיין פויגעלעך אין
בוזעם. דער קאמף וועט זיין א שווע-
רער, דער קאמף וועט זיין א דויערהאפ-
טיגער. ניט אזוי גיך וועט מען קאנען
איינבייסען דעם אנטיסעמיטיזם פון דער
פארארימטער שליאכטע און די אויפ-
געקומענע פוילישע הענדלער.

נאך שווערער איז דער קאמף צו-
ליב דעם, וואס ביי די אויפגעקומענע
פוילישע ארבייטער־מאסען איז נאך
שטארק דער פאראורטייל בנוגע אידען,
אלס א שיכט פון הענדלער און פאר-
מיטלער. אויך דארטען איז איינגעגע-
סען די טראדיציע, אז די בכורה אויף
דער ארבייט האבען זיי אלס איינגעזע-
סענע אלטע פראלעטאריער.

אין פיל פאכען, ווי אין טעקסטיל,
לעדער און בוי־אינדוסטריע, דארף מען
נאך איצט ענערגיש ענטוויקלען א קאמף
דערפאר, אז די אידישע ארבייטער זא-
לען ניט ארויסגעשטויסען ווערען פון
די אלטע פאזיציעס און זאלען צוגעלא-
זען ווערען צו נייע ארבייטס־פלעצער.
דאס דערלאזען ניט נים בלויז די „נא-
ציאנאלע", „קריסטליכע" ארבייטער,
נאר מען באגעגנט אויך גרויסע שווע-
ריגקייטען ביי די סאציאליסטישע און
ביי די „אוטרא־רויטע" ארבייטער.

און די דאזיגע מניעה מוז טאקע
קודם כל באזייטיגט ווערען. דער לאנד-
ראט און איינצעלנע פאראיינען מוזען
אנהויבען אן ענערגישע קאמפאניע דער-
פאר, אז עס זאל קודם כל ביי די פוי-
לישע ארבייטער, ביי זייערע פראפעסיא-
נעלע ארגאניזאציעס אין דער צענטרא-
לער קאמיסיע אויסגעקעמפט ווערען די
אנערקענונג אויף דער גלייכבארעכטיגונג
פון די אידישע ארבייטער אויף ווארק-
שטאט און פאבריק.

די פראפעסיאנעלע קערפערשאפ-
טען פון די פוילישע ארבייטער דארפען
ווערען איבערצייגט דורך פאקטען און
מעשים, אז די אידישע ארבייטער ווע-
רען בא'עולה'ט אין זייער עלעמענטאר-
סטער, הייליגסטער רעכט, אין דער
רעכט, וואס דארף זיין א פליכט פאר
אלע מענשען — אין זייער רעכט אויף
ארבייט.

און ווען די דאזיגע אקציע וועט גע-
פירט ווערען מיט פארשטענדעניש,
טאקט און ענערגיע, וועט דער קאמף
פון די אידישע ארבייטער פאר ארבייט
זיין ניט קיין איזאלירטער, „נאציאנא-
לער" קאמף — בלויז פון אידישע אר-
בייטער, נאר א סאלידארער איינמוטי-
גער קאמף פון ארגאניזירטען פוילישען
פראלעטאריאט פאר דער פאקטישער
גלייכבארעכטיגונג פון אלע זיינע טיילען
אין פאבריק, אויף דער מאשין, ביים
ווארשטאט.

(אויס „אונזער פאלקס־צייטונג").

פארקויפט זיין פלאץ אין גן עדן

(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען

איך האב געלייענט אין א צייטונג
אזא מין מאדנעם אנאנס:

„ווער עס וויל קויפען א פלאץ אין
גן־עדן, זאל קומען צו מיר. איך, יאסעל
יאסעלאוויטש, וויל פארקויפען מיין פלאץ
אין גן־עדן! זיכערע גאראנטיע מע-
סיגע פרייזען. אדרעס..."

בין איך אוועק צו יאסלען. ניט אזוי
צוליב דער קניה. איך האלט גאר ניט
ביים קויפען אזעלכע פלעצער... נאר כדי
זיך דורכצושמועסען מיט דעם אידען
און הערען פאר וואס א איד פארקויפט
עס זיין חלק גן־עדן. נאך אלעמען איז
עס משיקשווע...

— איהר זייט עס יאסעל יאסעלא-
וויטש?

— יע, איך בין עס יאסעל יאסעלא-
וויטש!

— קען מען זיך מיט אייך דורכ-
שמועסען? איך בין א צייטונגס־מאן.

— אדרבא, מיט גרויס פארגעניגען.
זיצט!

— קען איך וויסען, וואס עס האט
אייך געבראכט צו אזא שריט? — פרעג
איך.

יאסעל יאסעלאוויטש, א איד מיט א
שעהנער שווארצער בארד, פרומע ליכ-
טיגע אויגען, האט א שמייכעל געטאן:

— אודאי קענט איהר וויסען. צו
דעם שריט האט מיך געבראכט מיין
אידענע.

— וואס הייסט אייער אידענע?

— יע, יע, מיין אידענע! איהר
קענט ניט מיין אידענע? הלואי וואלט
איך זי אויך ניט געקענט. — מאכט יא-
סעל. — איך ווינש ניט קיין אידען אזא
אידענע. עס איז ניט קיין ווייב, נאר א
חיה, א שלאנג, אן עקדיש, א פיפערנא-
טער, א שלאק, א רוח, א לילית, א
מכשפה...

— ס'איז קיין נייס ניט, — זאג
איך. — ס'זיינען דא גענוג שלעכטע ווייב-
בער אויף דער וועלט, — באמערק איך.

— כ'ווייס, — מאכט יאסעל, —
כ'ווייס... אבער צו מיינער קומען זיי
קיינער נים! מיינע איז אן אויסנאהם...
מיינע איז גאר עפעס אנדערש..

— אבער, וואס האט עס צו טאן
מיט'ן גן־עדן? — וויל איך וויסען.

— עס האט שוין גאר א סך צו
טאן! — מאכט יאסעל. — גיהנם האט
שטענדיג וואס צו טאן מיט גן־עדן...
לאמיר דאס אייך ערקלערען. איך שטעה
אויס די גרעסטע יסורים פון מיין ווייב.
בין איך לעצטע וואך אזוי געזעסען און
געטראכט: מענש איינער! דאס האסטו
זיך ערשט אן אנהויב אויף דער וועלט.
היינט וואס וועט שוין זיין דארט אויף
יענער וועלט? געגען דעם וואס עס וועט
זיין דארטען איז דאך דא א צוקער-
לעקאכעל. נו, דא לעבט מען אינגאנצען
וועלכע זיבעציג יאהר, אבער דארטען...
גיוואלד, טאטעלאך, דארט איז עס דאך
אן עסק אויף טויזענטער יאהרען. אויף
אייביגקייטען. היינט ווער האט עס כח
אויסצוהאלטען אייביג פון אזא ארורה,
פון אזא מכשפה?

— וואס אויסהאלטען? — פרעג
איך.

— צו זיין מיט איהר, מיט מיין
ארורה, אין איין גן־עדן?! ווער וועט
דאס קענען זיצען אייביג לעבען מיין
ווייב אין גן־עדן?...

— אהא! דאס מיינט איהר?

— וואס־זשע דען האט איהר גע-
מיינט מיין איך? און איך האב באשלא-
סען: ניין! ניט מיט איהר! שוין בע-
סער געהן אין גיהנם אריין מיט א שיק-
סע אידער מיט איהר אין גן־עדן! שוין
בעסער פארקויפען מיין חלק גן־עדן איי-
דער מיט איהר... און טאקע דערפאר,
ווייל איך ווייס אז מען טאר דאס נים
טאן, האב איך אנאנסירט צו פארקויפען.
טאקע דערפאר ווייל עס איז אן עבירה,
האב איך א גוטע האפנונג אז מען וועט
מיך באשטראפען דערפאר און מען וועט
מיך שיקען אין גיהנם...

— אבער, — פרעג איך, — פון
וואנען זייט איהר זיכער, אז אייער ווייב
יועט געהן אין גן־עהן?

— זיכער, מעהר ווי זיכער! —
מאכט דער איד. — עס איז א פשוט'ער
שכל: אלע אמעריקאנער ווייבער הא-
בען יענע וועלט, געהען אין גן־עדן, פשוט
דערפאר ווייל זיי האבען דעם גן־עדן
אויף דער וועלט, און די וואס האבען
די וועלט האבען אויך יענע וועלט...
און דערצו איז מיין אידענע טאקע פרום
אויך, שרעקליך פרום...

— און וואס באשטעהט איהר פרומ-
קייט? — פרעג איך.

— אין אלץ, — מאכט דער איד. —
ראשית: פאהרט זי נים אום שבת, זיצט
אין הויז; און צווייטענס, שילט זי נים
אום שבת. וואלט עס דאך געווען, זאגט
איהר, גוט — כאטש איין טאג אין וואך
רוה פון גיהנם. איז אבער שילט זי זיך
בלויז נים אויף אידיש, אבער אויף העב-
רעאיש שילט זי י ע. זי זאגט נים „א
מגפה אויף דיר", נאר „מגפה" אליין...
היינט וואו איז „לרחת" און „רביעית"
און א „ניכפה"... כסדר אין העברעאיש...
און זי וועט דערפאר זיכער זיין אין גן-
עדן. ווייל איין קליינינקייט, אזא פרוי
וואס היט שבת און שילט זיך אין העב-
רעאיש אין סאמע אמעריקא! אלזא, ווי
איהר זעהט, מוז איך פארקויפען מיין
חלק גן־עדן!

— ווי איך זעה, מוזט איהר טא-
קע! — זאג איך.

— און נאך א זאך, — מאכט דער
איד. — זאל עס בלייבען צווישען, אונז:
איך האב געהערט, אז אין גיהנם איז
טאקע פרעהליכער אויך... און א איד ווי
איך, וואס האט דעם גאנצען לעבען זיי-
נעם אפגעפינסטערט פאר אזא ווייב, מעג
האבען א ביסעל פרעהליכקייט כאטש
נאכ'ן טויט.

איך האב מיט איהם געמוזט איינ-
שטימען.

פייערן! פייערן!

(שלום פון זיים 7)

מיינס! שטעה אויף! דיין מאמע איז דא, דיין מאמע איז דא!

האבען קולות זיך צום הימעל געריסען, און וועה־געשרייען די לופט אנגעפילט. האבען מאמעס און טאטעס מיט פראטעסט צו גאט ארויפגעקוקט, און ברידער און חתנים זיינען מיט האס געווארען אנגעפילט. האבען זיך זייערע אויגען געצונדען, און די פויסטען זיך צוזאמענגעדריקט. און געשאלטען האבען זיי. און אין הארצען האט א כמי־נע זיך געריהרט, און גערופען צום קאמף נעגען די ארדנונג, נעגען די געזעלשאפט, אין וועלכער א מענשען־לעבען איז אזוי ביליג, וואו יונגע לעבענס זיינען אזוי הפקר.

און שפעט אין דער נאכט, ווען די פאטרול־לייט זיינען פאר דער אנגעברענטער געביידע ארומגעמארשירט, האבען זייערע טריט געוועקט די שלאפענדע און דער ווידער־קול האט אפגעקלונגען אין דער לופטען:

אויף צום קאמף! אויף צום קאמף!

נייעס פון דער פעדערייישאן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען

דער פרעזידענט פון דער פעדערייישאן דאנקט דער אידישער פרעסע.

אויף דעם אכטען יעהרליכען מיטינג פון דער פעדערייישאן פון פילאנטראפישע אנשטאלטען, וואס איז ניט לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען, האט דזשאזעף ל. באטנוויזער, פרעזידענט פון דער פעדערייישאן, געדאנקט די אידישע טעגליכע פרעסע, ווי אויך די ענגלישע, פאר דעם פלאץ, וואס זיי גיבען לעצטענס אפ דער פעדערייישאן, און פאר דער פריינדליכקייט מיט וועלכער די נייעס איז געשריבען.

אויב די פרעסע וועט ווייטער צו־העלפען, אויב זי וועט ווייטער באקאנט מאכען די באפעלקערונג פון ניו יארק מיט דער טעטינקייט פון דער פעדערייישאן, מיט דער טעטינקייט פון די 91 אנשטאלטען, וואס זיינען פארבונדען אין דער פעדערייישאן, איז ניטא קיין צווייפעל אז די פעדערייישאן וועט האבען אזוי פיל יעהרליכע מיטגלידער, אז ניט נאר וועט מעהר ניט נויטיג זיין אן עקסטרא קאמפיין, נאר די אנשטאלטען וועלען נאך קענען פארברייטערען זייער טעטינקייטען.

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויפינפטע וועגען פארמעריי און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

ניט קיינע דעפאזיטס איידער איהר באראט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי, צי־ייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St., New York City

קלאוק אפערייטארס
מעמבערס פון לאקאל 2 אויפמערקזאם!

אלע קלאוק אפערייטארס זיינען אויפגעפאדערט צו קומען און אנטיילנעמען אין

עלעקשאן

פאר

מענעדזשער־סעקרעטער

פון אונזער לאקאל, וואס וועט אפגעהאלטען ווערען

דעם שבת, דעם 21טען מארטש, 1925

אין די פאלגענדע 3 פולינג פלעצער:

אפטאון: ברייענט האל, 725 — 6טע עוו., קאר. 41טע סט.
דאון טאון: מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סט.
בראנזוויל: לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט.

דער קאנדידאט פאר מענעדזשער־סעקרעטער איז בר. דזש. בארוכאוויטש און שטימען וועט מען קענען דאפיר און דאגעגען.

די פולינג פלעצער וועלען זיין אפען פון 10 אין דער פריה ביז 6 אזייגער אין אווענט. נאר מעמבערס מיט ברוינע און בלויע מעמבערשיפ קארדס וועלען קענען וואוטען.

קלאוק אפערייטארס! דאס איז דער ערשטער עלעקשאן פאר מענעדזשער־סעקרעטער פון דעם פאראייניגטען לאקאל 2 און עס איז די פליכט פון יעדען מיטגליד זיך צו באטייליגען אין די וואהלען.

מיט ברודער גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, קלאוק, סוט און ריפער אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2
א. ל. ג. וו. י.

סקוירטמאכער
פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

א מיטינג

פון אלע סקוירט מאכער ווערט גערופען פאר

דאנערשטאג אווענט, דעם 26טען מארטש

7.30 פינקטליך.

אין יוניאן בילדינג, 231 איסט 14טע סטריט, (5טער פלאר)

וויכטיגע טרייד פראגען וועלען אויפגענומען ווערען, און עס איז די פליכט פון אלע מיטגלידער צו קומען צו די מיטינגען און אנטייל נעהמען אין די פראגען.

עקז. באארד לאקאל 23

מ. קאנסקי, טשערמאן. ל. פינקאווסקי, מענעדזשער.

צי קענט איהר דעם פעקערזש?

צי קענט איהר דעם פעקעדזש? געווים קענט איהר איהם!

ניט נאר קענט איהר איהם, נאר יעדען מאל וואס איהר דערזעהט איהם, לייכטען אויף אייערע אויגען מיט פרייד און א גליקליכער שמייכעל באווייזט זיך אויף אייערע ליפען.

ווען איהר דערזעהט דעם פעקעדזש, פיהלט איהר ווי פאר אייך וואלט זיך באוויזען אן אלטער, ליבער פריינד, וואס ברענגט אייך בלויז גוטעס.

איבערהויפט פרעהען זיך מיט איהם די באלעבאסטעס, וואס געפינען אין דעם פעקעדזש זייער גרעסטע הילף צו קענען שטעלען צופרידען דאס גאנצע הויזגעזינד, און פארשאפען סיי די איינענע און סיי צו געסט געזונט און פארגעניגען.

מיר דארפען דאך אייך ניט זאגען, אז מיט דעם דאזיגען וואונדערליכען פעקעדזש מיינען מיר קיין אנדערען ווי דעם מאנישעוויטץ מצה־פעקעדזש.

אט דער פעקעדזש וואס אנטהאלט די כשר'סטע, פרישסטע און געשמאקסטע מצה, וואס ווערט פראדוצירט ביים אידישען פאלק.

די... וואס איז געבאקען אין דער גרעסטער, מאדערנסטער מצה־בעקעריי אין דער וועלט.

די מצה וואס קומט אויף דעם טיש פון מיליאנען אידען אין אמעריקא און אין דער גאנצער וועלט, א פרישע, א נעשמאקע, א קרוכלע, כמעט א ווארימע, ווי אין דעם טאג וואס מען האט זי פון אויווען ארויסגענומען.

די דאזיגע באליבטע מצה געפינט זיך אין דעם שטארקען, פעסט־פארזיגעלטען, סאניטארען פעקעדזש וואס טראגט אויף זיך דעם איבעראל־באקאנטען נאמען „מאנישעוויטץ".

מאנישעוויטץ'ס צעהן־פונטיגע פעקעדזשעס קומען אזוי ארראנזשירט, אז יעדע באקס אנטהאלט צו פיר צוויי און א האלב פונטיגע פעקעדזשעס. איהר דארפט דערפאר ניט עפענען די גאנצע באקס מיט אמאל, נאר נוצען יעדען פעקעדזש באזונדער. דאס פארשפארט נייעס און גאראנטירט ריינליכקייט.

די מאנישעוויטץ מצה קומט אויך אין 1־פונטיגע פעקעדזשעס.

Dr. Maurice Perlstein
פיזישען און סוירדזשען
1310 Morris Ave., Bronx, N. Y.
Tel. Bingham 9315

פרעסערס
פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער בדעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בעליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צונעפעכטע לייווענד אדער צונעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונזער פעקטארי־דאקטאר פאר אומגעזונד צו יוזען, דען דער נערוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופארעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנסאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייווענד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינגטאן אלס העכסט סאניטארישע ווייער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס באארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק
טעלעפאן אשלאנד 2220.

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט כטייל ססימערס. טרוקענע כטים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג מאשינס די בעסטע אין מארקעט.

קויפט אויסשליסליך

טעט/ט. טביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
לילי טהעע

1 דאלאר
עפענט אן אקאונט

5 דאלאר
ציהט אינטערעסט

לעגט ניט אפ אויף שפעטער!

איצט איז די צייט אנצופאנגען, ווייל דער סיזאן נעהט אן. אין די סלעק וועט דאס זעהר צוניץ קומען.

געלדער אריבערגעשיקט אין אלע וועלט טהיילען שנעל, פינקטליך און ביליג!

אייער באנק

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט

פארמעגען:
$4,000,000.00
פיער מיליאן דאלאר

4% 4%
עפענט איצט אן אקאונט און קריגט פיער פראצענט אינטערעסט

International Union Bank
FIFTH AVENUE AND TWENTY-FIRST STREET
Member Federal Reserve System

דער דזשואיש מאטוירניטי האספיטאל

דער „דזשואיש מאטוירניטי האספי־טאל" פון 270 איסט בראדוויי, וועלכער פאנגט יעצט אן א קאמפיין צו בויען א צעהן שטאקיגע נייע היים פאר זיך אויף פינפטע עוועניו און 108טע סטריט, איז איינע פון די סאמע וויכטיגסטע אנ־שטאלטען אין ניו יארק.

ער איז פון די וויכטיגסטע ניט נאר אלס האספיטאל, וואו עס זיינען ענטבונ־דען געווארען ניט ווייניגער פון 24 טוי־זענט אידישע פרויען אין פארלויף פון די אכצעהן יאהר פון זיין עקזיסטענץ, און 67 פראצענט פון זיי פריי, אהן אירגענד וועלכע געצאהלט צום האספיטאל, נאר אויך אלס ערציהער פון די אידישע מא־סען.

דער דזשואיש מאטוירניטי, וועלכער איז געווען דער ערשטער אידישער קינד־בעטארין האספיטאל אין ניו יארק, האט געלערענט די אידישע איסט סייד פרויען צו געהן געהעריג ווערען אין א האספי־טאל.

די ניצען דערפון זיינען געוואלדיג. ערשטענס האט א האספיטאל די לייס־טונג פון די ערפאהרענסטע דאקטוירים אין דעם פאך פון ענטבינדונג, א זאך וואס אן ארימע פרוי קען ניט דערוויי־זען ווען זי ווערט ענטבונדען ביי זיך אין דער היים.

צווייטענס האט א האספיטאל די בעסטע נוירסעס, און דאס איז אויך א זאך, וואס ארימע קינדבעטארינס קענען ניט באהויפטען ביי זיך אין דער היים.

דריטענס איז א האספיטאל פיל מעהר היגיעניש ווי די ענגע היימען פון די ארימע אידישע מאסען, און עס איז בעסער פאר דער געווינערין און אויך פאר'ן ניי געבארענעם קינד. די ערשטע ווערט שנעל געזונט אין א היגיענישע אטמאספערע, און דאס צווייטע, דאס ניי־געבארענע קינד, פאנגט אן צו זעהן די ליכטיגע וועלט אונטער גינסטיגערע באדינגונגען.

פערטענס, ווערט א געווינערין געהאל־טען אונטער דער אויפזיכט פון האספי־טאל דאקטוירים א געוויסע צייט אויך נאכדעם, ווי זי געהט שוין אוועק א היים. דאס איז נאך א זאך, וואס אן ארימע אידישע פרוי קען ניט באוויי־זען זוען זי ווערט ענטבונדען אין דער היים, ווייל יעדער באזוך פון א פרי־וואט דאקטאר קאסט געלט.

אמאליגע יאהרען, איידער דער דזשו־איש מאטוירניטי האספיטאל איז געגרינ־דעט געווארען, פלעגט דער הויפט פאק־טאר ביי דער ענטבינדונג פון אן ארי־מער אידישער פרוי זיין די זאגענאנטע ווארטס־פרוי, וועלכע האט ניט געהאט קיין ידיעה אין מעדיצין און האט ניט פארשטאנען וואס הייסט היגיענע.

רייניליכקייט איז זעהר א נויטיגער עלעמענט ביי יעדער קראנקהייט, און איז צעהן פאך נויטיגער ביי אן ענט־בינדונג. אבער די ווארטספרוי, וואס איז געווען געוואוינט צו פרימיטיווע פארמען פון ענטבינדונג, האט פשוט ניט גע־וואוסט, ווי אפצוהיטען די רייניליכקייט אין איהר אומגאנג ארום דער קינדבע־טארין. דארום איז די שטערבליכקייט אין פעלע פון ענטבינדונג דאן געווען אזוי גרויס צווישען די ארימע פרויען.

מאנכע אידישע פרויען זיינען דאן גע־גאנגען אין די גוי'אישע מאטוירניטי האספיטאלען, און אבוואהל זיי האבען דארטען געקראגען די נויטיגע מעדיצי־נישע באהאנדלונג, האט זיי אבער אין די גוי'אישע האספיטאלען געפעהלט די אידישע אטמאספערע, וואס זיי קענען קריגען נאר אין דזשואיש מאטוירניטי האספיטאל, וואו די דאקטוירים און נוירסעס און אלע אנדערע אנגעשטעל־טע פארשטעהען זייער שפראך און קע־נען ריידען צו זיי אין איהר. די, וואס זיינען אמאל געווען אין א האספיטאל, ווייסען וואס עס מיינט פאר א חולה צו געפינען זיך אין א פריינדליכער אט־מאספערע.

דער דזשואיש מאטוירניטי האספי־טאל מיינט אבער פאר דער ארימער פרוי נאך פיל מעהר ווי עס איז באוויי־זען געווארען ביז אהער. ער איז אין פילע פעלע אויך א פארזארגער פון דער גאנצער פאמיליע. ווען אן ארימע פרוי רעדזשיסטרירט זיך אין א האספיטאל פאר ענטבינדונג, ווערען באלד נאך דעם געשיקט צו איהר א היים נוירסעס, כדי צו באקענען זיך מיט די אומשטענדען, אונטער וועלכע זי לעבט אום צו געבען איהר ראטה ווי צו געהן ארום זיך אין די לעצטע וואכען פאר איהר ענטבינ־דונג.

אויב די נוירסעס באמערקען, אז די פאמיליע איז אזוי ארים, דאס זי נוי־טיגט זיך פשוט אין געלט־שטיצע, מעל־דעט דער דזשואיש מאטוירניטי האס־פיטאל וועגען דעם אנדערע צדקה־אנ־שטאלטען, וועלכע שטעלען צו שטיצע: ווער קויהלען, ווער רענט און זווער אנ־דערע נויטיגע זאכען. ווען אזא פאל פאר־סירט אין די זומער־מאנאטען און עס זיינען דא קליינע קינדער אין דער פא־מיליע, זעהט דער דזשואיש מאטוירני־טי האספיטאל, אז מען זאל זיי שיקען אויף וואקיישאן אין א קאנטרי פלאץ.

ווען די ארימע מוטער קומט אין האספיטאל פאר ענטבינדונג, און עס איז ניטא ווער עס זאל אכטונג געבען אויף די קליינע קינדער אין דער היים, באַ־זארגט דער מאטוירניטי האספיטאל, אז מען זאל זיי אריינגעהמען אין א נויר־סערי ביז זייער מוטער וועט צוריק קומען פון האספיטאל.

דער מאטוירניטי האספיטאל אין איסט בראדוויי איז געווען דער ערש־טער אידישער האספיטאל פון דעם סארט אין גרויס ניו יארק. יעצט זיינען שוין דא אנדערע, אבער דער דזשואיש מאטוירניטי האספיטאל איז נאך אלץ דער איינציגער אין דעם זין פון צדקה. אלע אנדערע זיינען פריוואט אנשטאל־טען, וואו יעדע פרוי באצאהלט פאר באהאנדלונג, אבער אין דזשואיש מא־טוירניטי האספיטאל איז די גרויסע מא־יאריטעט, אדער 67 פראצענט, פרייע קעיסעס.

דער דזשואיש מאטוירניטי האספיטאל איז געגרינדעט געווארען פון אידישע דאקטוירים און אידישע עסקנים, וועל־כע קענען די אידישע מאסען און וויי־סען זייערע נויטען, און דעריבער איז ער געווען אזא גרויסער ערפאלג.

די זעלבע מענשען נעהמען יעצט ארום דעם קאמפיין פאר פינף פערטעל מי־ליאן, פון וועלכע דער דירעקטאר איז דר. נייטהען ראטנאוו, איינער פון די ערשטע גרינדער פון האספיטאל און איצט ערשטער וויים־פרעזידענט.

דר. ראטנאוו האט אונטערנענומען דעם קאמפיין מיט דעם בארינג, אז ער זאל הויפטזעכליך זיך קענען קאנצענ־טרירען אויף די מאסען, פאר וועלכע דער האספיטאל האט געמיינט אזוי פיל אין דער פארפאנגענהייט און וועט מיי־נען נאך מעהר אין דער צוקונפט. ווען ער וועט אין דער נייער היים האבען 150 בעטען, אדער דריי מאל אזוי פיל ווי איצט, אום ער זאל ניט דארפען ענטזא־גען אזוי פיל ארימע אידישע פרויען, וואס קלאפען אין זיינע טירען און ווע־רען ליידער צוריקגעוויזען אויס מאנגעל אין פלאץ.

דר. ראטנאוו באהויפטעט, אז ער וועט מיט מעהר פרייד אנגעהמען 25 צעהן־דאלארדיגע בייטרעגע פון 25 מאסאווע מענשען, איידער איין צוויי־הונדערט־און־פופציג־דאלארדיגען בייטראג פון א רייכען בעל־הבית, און ער איז זיכער, אז די מאסאווע אידען וועלען זיך אלע אפרופען, ווייל זיי ווייסען פון ערפאה־רונג, וואס פאר א גרויסע נוצען דער דזשואיש מאטוירניטי האספיטאל האט געבראכט זייער קלאס.

א קאנצערט מיט גרופען־געזאנג אין בראנקס שבת אבענד, 11טען אפריל.

אין אודיטאריום פון פאבליק סקול 61, שארלאט סטריט און קראטאנא פארק איסט, שבת אבענד, דעם 11טען אפריל, וועט געגעבען ווערען א גרויסאר־טיגער קאנצערט מיט גרופען־געזאנג.

אין דעם קאנצערט וועלען זיך באטיי־ליגען פראמינענטע קינסטלער. די נעמען וועלען אנאנסירט ווערען שפעטער.

איינטריט וועט זיין פריי צו מיטגלי־דער פון דער א. ל. ג. וו. י. און זייערע פאמיליען.

קלאוק אפערייטארס

די לעצטע

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

אין מאנאט מארטש

וועלען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, דעם 23טען מארטש

7.30 אבענד שארף

אין די פאלגענדע האלס:

בראנקס

1. האנטס פאינט פאלאס, 163טע סט. אין סאוטהערן בולווארד
2. ארבייטער רינג סענטער, 542 איסט 145טע סט., צווישען סט. ענם און ברוק עוועניוס.
3. קלערמאנט קאסינא, קלערמאנט פארקוויי אין 3טע עוו.

הארלעם:

4. סאשעליסט סענטער, 62 איסט 106טע סטריט

דאון־טאון:

5. „פארהערעפס" האל, 175 איסט בראדוויי
6. בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט

וויליאמסבורג:

7. וויענא האל, 105 מאנטראוז עוועניו.

בראנזוויל:

8. לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט

איסט ניו יארק:

9. רעזאלוט האל [illegible] יט

בארא פארק:

10. ארב. רינג סענטער, 1373 43טע סטריט, נעבען 14טע עוו.

קוני איילענד:

11. ארבייטער רינג סענטער, 3109 סורף עוועניו.

די מעמבערס וועלכע זיינען ניט אנוועזענד געווען אויף די לעצטע סעקשאן מיטינגען זאלע ניט פעהלען אנוועזענד צו זיין ביי דיזע מיטינגען און סטעמפען זייערע יוניאן ביכלאך.

לויט דעם באשלוס פון לאקאל מוז יעדער מעמבער אטענדען אמווייניג־סטענס 1 סעקשאן מיטינג א מאנאט ווען ניט צאהלט ער א דאלאר שטראף.

מיט ברודער גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, קלאוק, סוט און ריפער אפערייטארס יוניאן לאקאל 2

אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

וואלדמאן און ליבערמאן

לאיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth 5623-5624

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידים פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערהייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע ווידזשעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באזונדערע לעקסאנס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.

די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.

מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאניע אין אמעריקא. אין מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

פרייע דעמאנסטרישאן אין אונזער סקוהל.

קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן פיטצראי 1674.

מאנישעוויטץ מצה

„די מצה מיט אלע מעלות"

מאנישעוויטץ מצה־מעהל, מצה־פאר־פעל, קעיק־מעהל — דער עונג פסח פון מיליאנען אידען איבער דער גאנ־צער וועלט.

די ב. מאנישעוויטץ קא., סינסינעטי, אהייא

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 13. | New York, Friday March 27, 1925 | פרייטאג, 27טען מארטש, 1925 | PRICE 3 CENTS

טאַקערס, פליטערס און העמסטיטשערס יוניאָן באַנייט דעם אגרימענט

מיטגלידער הייסען גוט דעם אגרימענט אויף אן ענטוזיאסטישען מעמבער־מיטינג, אדרעסירט פון וויס־פרעזידענט דזש. האלפערן. — צווייטער וויכטיגער מעמבער־מיטינג, דינסטאג, דעם 31טען מארטש.

אין דער לעצטער צייט זיינען פארגע־קומען איינינע קאנפערענצען צווישען פארשטעהער פון דעם דיסטריקט קאונסיל פון ניו יארק, צוזאמען מיט א קאמיטע פון די טאקערס, פליטערס און העמסטיטשערס יוניאן, לאקאל 41, און פארשטעהער פון די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן צו באנייען דעם טרייד־אגרימענט.

אין אנפאנג האט עס אויסגעזעהן, דאס עס וועט מוזען קומען צו א סטרייק. די לאגע האט זיך אבער נאכדעם געביטען. ניט ווייניג האט צו דעם בייגעטראגען פריינט יוסף באראנדעס. ער האט צו־נויפגעבראכט ביידע צדדים און מען איז געקומען צו א פארשטענדניס. עס איז אויסגעארבייט געווארען אן אגרי־מענט, וועלכער איז, אויף דעם לעצטען קאנפערענץ, פאראכטאגען פרייטאג, אנ־גענומען געווארען פון ביידע צדדים. דער אגרימענט ענטהאלט אלע פונקטען פון דעם פריהערדיגען אגרימענט אין טרייד, מיט איינינע אויסבעסערונגען. די ארביי־טער באקומען אויך א העכערונג אין די ווידזשעס.

שבת ביטאג, דעם 21טען מארטש, האט די יוניאן איינגערופען א מאס־מעמ־בער מיטינג אין גרויסען וועבסטער האל, און דארט איז דער אגרימענט פארגע־בראכט געווארען פאר די מעמבערס. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון וויים־פרעזידענט דזש. האלפערן, דער מענע־דזשער פון דעם אינטערנעשאנאל איסטער־רען ארגאניזאציאנס דעפארטמענט. ער האט ערקלערט פאר די מיטגלידער וואס

(שלוס אויף זייט 16).

יעדער מיטגליד דארף לייענען די געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל

סעקרעטאר בארא, האט די וואך ארויסגעשיקט אן אפיציעלען סטייטמענט צו די עקזעקוטיוועס באארד פון אלע לא־קאל יוניאנס פון אונזער ארגאניזאציע, אין באצוג די געשיכטע פון אונזער אינ־טערנעשאנאל יוניאן, וואס איז ניט לאנג צוריק ערשינען אין בוך פארמאט, אין א פראכטפולע אויסגאבע.

אין די „גערעכטיגקייט", איז וועגען דעם בוך שוין איינינע מאל געשריבען געווארען. מיר האבען שוין אויך פאר־עפענטליכט איינינע „רעוויוס", פון די אנגעזעהענסטע ליטעראטור־קריטיקער אין דער ענגלישער שפראך, און מיר הא־בען נאך א גאנצע רייהע פון אזעלכע „רעוויוס" צו פארעפענטליכען.

אלע ליטעראטור־קריטיקער לויבען דעם בוך. מיט פארגעניגען ווערט דער בוך אנגענומען אלס א ניצליך ווערק און ער ווערט רעקאמענדירט צום לעזענדען עולם. אויב אבער עס איז ווינשענס־ווערט, אז דער אלגעמיינער לעזער־פוב־ליקום זאל לייענען דעם בוך, און בא־קאנט ווערען מיט דער געשיכטע פון אונזער יוניאן, מיט אלע איהרע אויפ־טואונגען אין פארלויף פון איהר קאכע־דיגען לעבען, איז עס נאך א סך מעהר ווינשענסווערט, דאס די אקטיווע מיט־גלידער פון אלע אונזערע לאקאל יוני־אנס, און די מעמבערשיפ בכלל, זאלען לייענען דעם בוך און באקאנט ווערען מיט אלע איהרע קאמפען, און זאנסט וויכטיגע פאסירונגען, וואס האבען גע־שפילט א גרויסע ראליע אין לעבען פון דער ארגאניזאציע.

און טאקע וועגען דעם רעדט זיך אין דעם אפיציעלען סטייטמענט וואס סעק־רעטאר בארא האט די טעג ארויסגע־שיקט צו אלע לאקאלס פון אונזער אינ־טערנעשאנאל.

דער סטייטמענט לעזט זיך ווי פאלגט:

צו די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע לאקאל יוניאנס פון דער א. ל. ג. וו. י.

„זייט געגריסט!

„עס פרעהט מיר אייך באקאנט צו מאכען, דאס עס איז לעצטענס דורכגע־פיהרט געווארען איינער פון די מאנדא־טען וואס איז איבערגעגעבען געווארען צו אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד,

(שלוס אויף זייט 16).

פערלשטיין און האכמאן נייע דיסטריקט מענעדזשערס אין דזשאינט באארד

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן האט איצט צוויי נייע דיסטריקט מענעדזשערס. וויים־פרעזידענט פערלשטיין איז ערוועהלט געווארען מענעדזשער פון דעם „פרא־טעקטיוו דיוויזשאן" און ברודער דזשו־ליוס האכמאן איז ערוועהלט געווארען מענעדזשער פון דעם דרעס דיוויזשאן.

צו די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" זיינען די צוויי פערזאנען גוט באקאנט, און עס איז ניט נויטיג פאר אונז זיי א סך פארצושטעלען.

וויים פרעזידענט פערלשטיין האט זעהר א סך בייגעטראגען, ווידער אויפ־צולעבען די קלאוק און דרעסמאכער יו־ניאן פון קליוולאנד, וועלכע איז פאר א צייט, נאך דעם פארלארענעם סטרייק פון 1911 געווען אזוי ווי אפגעשטארבען. איצטער געפינט זיך יענע יוניאן אין א גוטען צושטאנד, אין א בעסערען צו־שטאנד, ווי זי איז עס געווען אירגענד ווען פריער אין דער געשיכטע פון איהר לעבען. ער האט דארט אריינגעטאן א

(שלוס אויף זייט 14).

נייער קלאוק אגרימענט אין שיקאגא אונטערגעשריבען

גענאסע דעבס באזוכט דעם דזשאינט באארד אפיס.

דער נייער אגרימענט אין קלאוק־טרייד פון שיקאגא, איז לעצטע וואך אונטערגעשריבען געווארען פון פארטרע־טער פון דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן און פון דער קלאוק און סוט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. דאס איז דער אגרי־מענט וואס איז אויסגעארבייט געווארען ווען פרעזידענט זיגמאן און וויים־פרע־זידענט פערלשטיין זיינען געווען אין שיקאגא מיט עטלאכע וואכען צוריק. לעצטע וואך איז דער אגרימענט אפיציעל אונטערגעשריבען געווארען.

לויט דיזען אגרימענט האבען די מא־נופעקטשורערס צוגעשטימט צו לאזען מאכען אן אונטערזוכונג אין דער אינ־דוסטריע עהנליך צו דער אונטערזוכונג, וואס ווערט געמאכט אין ניו יארק און־טער'ן אויפזיכט פון גאווערנאר סמיטה'ס קאמישאן. די מאנופעקטשורערס האבען אויך צוגעשטימט אז די רעקאמענדאציעס פון דער קאמישאן, וואס וועלען אנגענו־מען ווערען אין דעם ניו יארקער מאר־קעט, זאלען דינען אלס פונדאמענט אויך פאר'ן שיקאגא קלאוק מארקעט.

נאך א וויכטיגער פונקט פון דעם נייעם אגרימענט איז דער ארבייטסלא־זער אינשורענס, וואס ווערט איינגעפירט

(שלוס אויף זייט 7).

אונטערנעהמונג פון סטודענטען און לעהרער דעם שבת אווענט אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול

דעם שבת' 7.30 אין אווענט, וועט פארקומען די אונטערהאלטונג פון די סטודענטען און לעהרער פון די אינטער־נעישאנאל יוניטי סענטערס און פון אר־בייטער אוניווערסיטעט. די אונטערהאל־טונג איז פאר די געוועזענע סטודענטען אזוי גוט ווי פאר די איצטיגע. די אונ־טערהאלטונג וועט זיין אין דער דייניגג רום פון די וואשינגטאן אירווינג האי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סט.

א חוץ די סטודענטען און די לעה־רער מיט זייערע פריינד, וועלען ביי דער געלעגענהייט זיך אויך צונויפקומען די אקטיווע מעמבערס פון אונזערע לא־קאל יוניאנס, די בעאמטע פון דער יו־ניאן און אלע פריינד פון דער עדיוקיי־שאנאל טעטיגקייט אין אונזער יוניאן.

די אראנדזשמענטס קאמיטע האט בא־זארגט געשמאקע רעפרעשמענטס, און האט אויך פארבארייטעט אן אינטערע־סאנטען מוזיקאלישען פראגראם. בא־וואוסטע ארטיסטען וועלען זיך באטיי־ליגען. דער אווענט וועט זיך פארענ־דיגען מיט טאנצען.

די אונטערהאלטונג ווערט אראנזשירט פון דעם סטודענטען־קאונסיל, און קיין שום מיה ווערט ניט געשפארט צו מא־כען דעם אווענט אזוי אינטערעסאנט און אנגענעהם ווי נאר מעגליך. צו דעקען כאטש א קליינעם טייל פון די אויסגא־בען, ווערט גערעכענט 35 סענט פאר א טיקעט, צו באקומען אין אפיס פון עדיו־קיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

די יעניגע וואס האבען פארפעלט זיך צו באזארגען מיט טיקעטס און ווילען דאך בייוואוינען די אונטערהאלטונג, קא־נען קומען שבת צו דער אונטערהאלטונג. זיי וועלען באקומען טיקעטס דארטען, ביים אריינגאנג. קומט און ברענגט מיט אייערע פריינד און באקאנטע.

וויכטיגער קלאוק שאפ־טשערמאן מיטינג דעם שבת ביטאג

י. פיינבערג, מ. פערלשטיין און די ביזנעס אידזשענטס פון דער יוניאן וועלען אדרעסירען דעם מיטינג.

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן רופט איין א זעהר וויכטיגען קלאוק שאפ טשערמאן מיטינג, דעם שבת, 28טען מארטש, 1 אוהר נאכ־מיטאג, אין סטייוועסענט קאסינא, 140 צווייטע עוועניו.

דער מיטינג ווערט איינגערופען פון די טשערליים פון די קלאוק שעפער, וואס געפינען זיך אונטער'ן קאנטראל פון דעם דיסטריקט אפיס נומער 1, וואס שליסט אין זיך איין אלע פראטעקטיוו, אינדע־פענדענט און אמעריקאן קלאוק שעפער פון דער 29טער סטריט ארויפצו, אפ־טאון. די שאפ טשערליים פון די שעפער זיינען אויפגעפאדערט צו קומען צו דעם מיטינג און אויך מיטברענגען פארטרעטער פון די אלע פאכען אין שאפ, א קאטער, אן אפע־רייטאר, א פינישער, א פרעסער און אזוי ווייטער.

דער מיטינג וועט אדרעסירט ווערען פון וויים־פרעזידענט י. פיינבערג, גענע־ראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד; וויים־פרעזידענט מ. פערלשטיין, מענע־דזשער פון דיסטריקט אפיס נומער 1, און די ביזנעס אידזשענטס וואס קאנטראלי־רען די קלאוק שעפער פון דעם דיסטריקט.

דער מיטינג איז זעהר א וויכטיגער און די שאפ טשערליים, אזוי גוט ווי די אנדערע פארטרעטער פון די שעפער זיי־נען געבעטען צו קומען אין צייט. זיי וועלען דארט באקומען אינפארמאציע אין באצוג איינינע זעהר וויכטיגע פראגען, וואס איז נויטיג פאר זיי צו וויסען.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 13.

זייט 2. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — יוסף פיש.
זייט 3. דריי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 22 — דזשוליוס פארטנאי.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. בריף צום רעדאקטאר.
זייט 5. אין דער קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9 — ל. היימאן. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 6. פערלשטיינ'ס באריכט צו די מעמבערס פון לאקאל 2.
זייט 7. זיך דערקענט (ערציהלונג) — מ. שמואליזאן. העי, הענקער (געדיכט) — מ. פערלמוטער.
זייט 8. רעדאקציאנעלע נאטיצען.
זייט 9. וואס פאר א פארט מענש איז גאמפערס געווען? — בענדזשאמין שטאלבערג.
זייט 10. די געשיכטע פון איין יוניאן — דזשארדזש סאל. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. בראנסוויק און עבערט — לעאן כאזאנאוויטש.
זייט 12. עניינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — ל. פינקעלשטיין. גאריבאלדי דער צווייטער — ז. וועהלער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. זאכען גוט צו וויסען. אדווערטייזמענטס.
זייט 15. פארשיידענעס. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1. אדווערטייזמענטס.

דרעס מאכער פון יוניאן שעפער צו׳ייק ביי דער ארבייט

(שלוס פון זייט 1)

געווארען, דאס די דזשאינט פרייז קאמיטע פון פארשטעהער פון דער יוניאן און פארשטעהער פון דער קאנטראקטארס אססאסיאיישאן זאל זיך אפגעבען מיט דער ארבייט, אז די טיילען פון דער דרעס, וואס זיינען דערווייל נאך ניט אונטער באשטימטע סקעדזול פרייזען, זאלען געסקעדזשולט ווערען, דאס מיט דער צייט זאל יעדער טייל פון א דרעס זיין אונטער א באשטימטען סקעדזשול פרייז.

אונטער דער צייט, וואס דער סטאפעדזש איז אנגעגאנגען אין די שעפער פון די יוניאן-קאנטראקטארס, האבען מאנכע דזשאבערס אנגעפאנגען ארויסשיקען ארבייט אין ניט-יוניאן שעפער. שבת ביי דעם סעטלמענט איז פארשטאנען געווארען, דאס די דזשאבערס זאלען באלד צוריקציהען די ארבייט פון יענע שעפער, סיידען די קאנטראקטארס פון יענע שעפער ווערען יוניאניזירען די פעקטארים. דאס הייסט, אנטוועדער יענע שעפער ווערען גלייך יוניאן-שעפער אדער די ארבייט ווערט באלד צוריקגעצויגען.

עס ווערט אויך אויף דאס ניי פארשטאנען, דאס די דזשאבערס דארפען שיקען זייער ארבייט נאר אין יוניאן שעפער. ווען ניט נעהמט זיך די יוניאן דאס רעכט, אהן אירגענד וועלכע צערעמאניעס, צו ערקלערען א סטרייק געגען אירגענד וועלכען דזשאבער, וואס וועט ארויסשיקען ארבייט אין א ניט-יוניאן שאפ. און די יוניאן וועט איצט, נאך מעהר ווי פריהער, זיין גאנץ שטרענג אין דעם פונקט. אלע אנשטרענגונגען וועלען געמאכט ווערען, אז די אלע אסס׳ן דזשאבערס זאלען מאכען זייער ארבייט נאר אין יוניאן שעפער.

די דרעסמאכער יוניאן, אזוי גוט ווי די דרעסמאכער גופא, מעג זיך ווידעראמאל גראטולירען מיט דעם אויסגאנג פון דעם סטאפעדזש, וואס איז געקומען אלס רעזולטאט פון דער מערקווירדיגער דיסציפלין און די שעהנע האלטונג פון די מיטגלידער. די מיטגלידער האבען געהאנדעלט בראוו און איבערלייגט, און האבען אויף א זעהר סאלידארישען אופן פינקטליך אויסגעפאלגט די ארדערס פון זייערע שאפ טשערליים, די פארטרעטער פון דער יוניאן אין שאפ. דאס וועט, האפענטליך, זיין א גוטער לעסאן פאר די אלע באלעבאטים אין דרעס טרייד, וואס ווילען זיך מאנכעס מאל איינרעדען, אז די דרעסמאכער יוניאן האט ניט אונטער זיך קיין פעסטען באדען. זיי וועלען מעהר פון דער יוניאן אזוי ניט דענקען. דאס וועט ווירקען, זיי זאלען מיט מעהר ערנסטקייט אויספאלגען דעם טרייד-אגרימענט.

וואהל פאר סעק.-מענעדזשער פון לאקאל 2 — דעם שבת

(שלוס פון זייט 1)

די וואס זיינען גוטשטעהענד אין דער יוניאן.

עס איז צו האפען, דאס די גרויסע מעמבערשיפ פון דעם לאקאל וועט זיך באטייליגען אין דער וואהל און ארויסזאגען זייער מיינונג אין באצוג דעם מענעדזשער-סעקרעטער.

לעצטען שבת האט לאקאל 2 אפגעהאלטען א דזשענעראל מעמבער-מיטינג אין מאנהעטען לייסעאום, אויף וועלכען וויים-פרעזידענט פערלשטיין, דער צייטווייליגער מענעדזשער פון לאקאל, אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעפאלען דורכצופיהרען אין לעבען די צונויפשמעלצונג פון די לאקאלס 1, 11 און 17 אין איין לאקאל יוניאן, — האט אפגעגעבען א רעפארט פון זיין טעטיגקייט. אין דעם רעפארט ווערען אנגעוויזען די אלע שוועריגקייטען, וואס זיינען געווען, און ווי אזוי אלץ איז ענדליך באזייטיגט געווארען, און דער לאקאל געפינט זיך איצט אויף א פעסטען זיכערען באדען. דעם דעפארט וועלען די לעזער געפינען געדרוקט אויף א צווייטען ארט אין דער צייטונג.

דער מיטינג האט אויסגעשפראכען א דאנק צו וויים-פרעזידענט פערלשטיין אין נאמען פון דעם לאקאל.

אלזא, וויים-פרעזידענט פערלשטיין האט זיך דירעקט צוריקגעצויגען אלס מענעדזשער פון דעם לאקאל. אינדירעקט אבער בלייבט ער נאך אלץ דער סופערווייזער, אזוי לאנג ווי דער לאקאל וועט נאך זיין אונטער די אויפזיכט פון דער ספעציעלער קאמיטע פון אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס איז באשטימט געווארען פון פרעזידענט זיגמאן דורכצופיהרען די פאראייניגונג פון די אפערייטאר לאקאלס אין ניו יארק.

אונטערהאלטונג פון סטודענטען און לעהרער

שבת אווענט, דעם 28טען מארטש, וועט פארקומען א שעהנע אונטערהאלטונג פון די געוועזענע און איצטיגע סטודענטען און לערער פון די אינטערנעשאנאל קלאסען און קורסען. עס וועלען זיין רעפרעשמענטס, זינגען, טאנצען און געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונג.

א טיקעט קאסט 35 סענט. דאס וועט דעקען בלויז א טייל פון די אויסגאבען. די טיקעטס קען מען באקומען אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

דזשאינט באארד ערוועהלט א משערמאן און ערשטען וויים-טשערמאן

(שלוס פון זייט 1)

די אפיסעס און דיוויזשאנס אין דזשאינט באארד, און די רעקאמענדאציעס זיינען גוטגעהייסען געווארען. מאנכע פון די רעקאמענדאציעס האבען ארויסגערופען א מיינונגס-פארשידענהייט, און עס איז פארגעקומען א דיסקוסיע, אין וועלכער א סך דעלעגאטען האבען זיך באטייליגט.

אין דער דיסקוסיע האט זיך אויך באטייליגט פרעזידענט מאריס זיגמאן. ער האט באריהרט אייניגע פונקטען פון ברודער פיינבערג׳ס רעקאמענדאציעס, און אנגעוויזען, ווי עס איז וויכטיג פאר דעם ווייטערען לעבען פון דער יוניאן, זיי זאלען אנגענומען ווערען.

מעהר וועגען דעם, וואס איז פארהאנדעלט געווארען אויף דעם לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד, וועלען די לעזער געפינען אויף זייט 2 פון דער צייטונג אין דעם דזשאינט באארד באריכט.

שוין ערשינען

The Women's Garment Workers

A History of the International Ladies Garment Workers Union

די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

א בוך פון איבער 6 הונדערט זייטען, גרויסער פארמאט און שעהן געבונדען

געשריבען פון

דר. לואי לעווין

פארפאסער פון „סינדיקאליזם אין פראנקרייך" און נאך אנדערע ווערק איבער סאציאלע און עקאנאמישע פראגען.

אויב איהר ווילט האבען אן אמת׳ען באגריף וועגען אונזער יוניאן און האבען א גייסטיגען פארגעניגען לעזענדיג, טו פארפעהלט ניט צו לייענען דעם בוך.

דער פרייז פון דעם בוך איז פינף דאלאר.

מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל קאנען באקומען א בוך פאר העלפט פרייז

פאר $2.50

פאר דעם פרייז קאן מען באקומען דעם בוך בלויז

אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 26טע סט., נ. י.

מאנטאג און דאנערשטאג וועט דער אפיס זיין אפען ביז 6.30 פארנאכט, כדי די מיטגלידער זאלען קאנען קריגען דעם בוך געהענדיג פון דער ארבייט.

לאקאל סעקרעטערע

מיר האלטען פאר נויטיג אייך איינמערקזאם צו מאכען דאס די פער-קאפיטא צו דעם דזשאינט באארד און אלערליי אנדערע אסעסמענטס, וועלכע ווערען אויף די לאקאלס ארויפגעלייגט פון צייט צו צייט, ווערט באשטימט לויט די צאהל מיטגלידער וועלכע איהר האלט אויף די ביכער פון דעם רעקארד דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. עס וועט דעריבער זיין אין אייער טובה צו אינפארמירען אויף אן אפיציעלען אופן צו דיזען דעפארטמענט וועגען יעדען מעמבער וועלכען איהר שטרייכט. מעג דאס זיין צוליב דעם, ווייל דער מיטגליד נעמט א טראנספער אדער דערפאר, ווייל ער איז ריקשטעהענד אין דיוס, אדער צוליב אירגענד וועלכע אנדער אורזאך, און דאס וועט פארמיידען פעלע, וואו לאקאלס זאלען דארפען צאהלען פער-קאפיטא און אסעסמענטס פאר מעמבערס, וועלכע זיינען באמת ניט מעהר אין דער ארגאניזאציע. זייט זיכער אונז לאזען וויסען וויפיל וואכען דיוס דער געשטראכענער מעמבער איז אייך געבליבען שולדיג אין דעם טאג, וואס איהר שטרייכט איהם.

ברידערליך-אייער

H. A. SCHOOLMAN,

Director Record & Pub. Dept., I. L. G. W. U.

דער צוזאמענקונפט פון סטודענטען און לעהרער פון די א. ל. ג. וו. י. קלאסען, שבת אווענט, דעם 28טען מארטש

אין דייניגג-רום פון דער וואשינגטאן אירווינג האי סקול, שבת, דעם 28טען מארטש, 7 אזייגער אין אווענט, וועט זיין דער צוזאמענקונפט פון די שילער און די לעהרער.

ביי דער געלעגענהייט, וועלען געוועזענע און איצטיגע שילער פון אונזער ארבייטער-אוניווערזיטעט, יוניטי סענטערס און פון די וואס באזוכען אנדערע קלאסען, זיך צוזאמענקומען מיט זייערע פריינד און אונזערע לעהרער און מיטגלידער פון אונזער יוניאן צו פארברייגנען א פאר שטונדען אין פארגעניגען אין גוטער געזעלשאפט, און וועלען אויך געניסען געשמאקע „רעפרעשמענטס".

דער אווענט וועט זיך ענדיגען מיט טענץ אין דזשימנאזיום אויף דעם זעלבען פלאר.

דער צוזאמענקונפט ווערט ארראנזשירט פונ׳ם סטודענטען קאונסיל, וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט פון פארטרעטער פון אונזערע קלאסען. אום צו דעקען א טייל פון די אויסגאבען, האט די קאמיטע באשלאסען צו רעכענען 35 סענט איינטריט-געלט.

רעזערוויישאנס קען שוין געמאכט ווערען. מען קען זיך ווענדען פערזענליך אדער דורך א בריף פאר טיקעטס צו אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

אזוי ווי עס ווערט ערווארטעט אז פיעל מעהר וועלען זיך ווענדען נאך טיקעטס, ווי עס איז דא פלאץ, דארום האט די קאמיטע באשלאסען צו געבען פארצוג צו אונזערע איצטיגע און געוועזענע שילער.

געדיינקט, אז דער צוזאמענקונפט איז שבת אווענט, דעם 28טען מארטש. זאגט קיינע אנדערע ארראנזשמענטס.